בס"ד

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ו'
**פרשת תולדות**
נומער 288



## בטרם יבינו סירותכם אטד
אברהם משה שטראססער

## אינסטרוקציעס
שמואל אייכנשטיין

## די פעניס א פארגאנגענהייט
גרשון קרעמער

## דארף מען א בעקיטשע?
משה ארי' שניצלער

## וויאזוי ארבעט מען מיט בחורים?
בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

# אונזערע פיאנערן!

וועה קען אלס געניסן פון זייער קאסע / **וואס איז די סוד פון זייער הצלחה /** וויפיל געלט שאפן זיי א חודש / **אן ערשטמאליגע שמועס מיט אונזערע פיאנערן אינעם פעלד פון פאנדרעזינג מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו און מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו.**

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת תולדות תשפ"ו • 288




גענדיגט מיט די פעניס 12



פיאנא 19



ארכיוון 55

11 היכל הקודש נייעס

15 א ווארט צוויי

35 ברסלב'ע שטוב

43 קינדער בלעטל



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייננצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
תולדות ב' כסליו

הדלקת הנרות . 04:15
מוצאי שבת ..... 05:45

**מנחה מעריב**
**פרשת ויצא 5:25**









Time for snow plowing
Let us take care of your snow removal and keep your property clear for safety and convenience with our efficient and reliable services.
DRIVEWAY CLEARING
SALTING
SIDEWALK MAINTENANCE
OTHER SERVICES
KB GROUP
property management and construction team
845.439.0001
kbmanagementny.com


*sruliHeskel



פיצל.

# בטרם יבינו סירותכם אטד

ווער ס'האט מיטגעהאלטן די שיעורים פונעם ראש ישיבה דעם פארגאנגענעם וואך, און בעיקר די שיעור פון דינסטאג חיי שרה, דער פארשטייט זייער גוט דעם קעפל.

עס זעט טאקע אויס ווי אן אומשולדיג פסוק אין תהילים, אבער דאס האט געמאכט העדליינ'ס, יא! נישט מער און נישט ווייניגער דעם פסוק '**בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו...**' אזוי ווי איר הערט, נאכאמאל? '**בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו**', איר קענט עס נישט ליינען זע איך... אטא דא האט איר מיט די נקודות און מיט די טראפּן: **בְּטֶרֶם יָבִינוּ סִּירֹתֵיכֶם אָטָד כְּמוֹ־חַי כְּמוֹ־חָרוֹן יִשְׂעָרֶנּוּ...**

איז לאמיר זיך אריינטון אין דעם סוגיא פון **בטרם יבינו סירותיכם אטד,** מיר וועלן עס מאכן אזוי ווי מ'לערנט אין חדר: **גופא** לאמיר אראפברענגען די גוף פונעם ברייתא און מיר וועלן עס מפרש זיין.

איז אזוי, דער אויבענדערמאנטער פסוק איז איינס פאר די לעצטע פסוק אינעם קאפיטל נ"ח אין תהילים, זייער שווערע ווערטער, גאר שווער צוצוטערעפן די פירוש המילות דערפון, און דערפאר זענען מיר דא, מיר גייען פראבירן צו ציען אלע מיני מסקנות וואס האט דוד המלך ע"ה דא געוואלט מיט דעם פסוק.

די גאנצע שערוריה איבער דעם פסוק האט זיך בעצם אנגעהויבן ווען איימיצער האט געשריבן ערגעצוואו א טיפן פשט אין די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן אין שיחות הר"ן סימן (שיחה...) ע"ו וואס דער רבי זאגט דארט בתוך הדברים, ווען עס קומט צו לימוד התורה איז דער עיקר 'דאס זאגן די ווערטער', גורס זיין אן פארשטיין, ענדיגן נאכאמאל תהילים, משניות, ש"ס, אן קיין שום הבנה, זיך אנזעטיגן מיט די הייליגע אותיות התורה (אגב... גארנישט פערזענליך, אבער איר האלט דעם בלעטל אין די האנט... איר האט שוין געעפענט א משניות היינט? א תהילים? א גמרא?) דער רבי' שרייבט צו נאכדעם פאר די וואס זארגן זיך ווערגן פארשטיין, עס קרענקט זיי זייער וואס העט זיין מיט ידיעות התורה, שרייבט דער רבי' דארט צוויי ווערטער '**וממילא יבין**' אידיש גערעדט: נישט געזארגט דו וועסט פארשטיין, פארשטיין? יא! צום סוף וועסטו פארשטיין.

אויף דעם ארויף פרעגט דער שרייבער א שטארקע תירוץ (פארוואס לערן איך נישט, פארוואס פיסטעווע איך די צייט, פארוואס בין איך פארנומען מיט לשון הרע, ליצנות, רכילות, הוצאות שם רע א גאנצן טאג, פארוואס עפן איך נישט קיין ספר מיום כיפורים זה עדדד... וואס לעולם וואלט מען עס געקענט פארענפערן מיט דעם רבינ'ס אויבערנדערמאנטע ווערטער **העיקר הוא האמירה**, דער עיקר איז דאך זאגן, און זאגן קען דאך יעדער ליידיגייער, און יעדער מיינט יעדער, אבער דא קומט אריין די קשיא, אויב וועל איך **זאגן** וועט מען דאך **זאגן** אז איך בין נשפע געווארן פון די ברסלב'ער, פון מוהרא"ש, פונעם ראש ישיבה, איז דערפאר קען מען נישט אננעמען דעם תירוץ אז **זאגן** הייסט געלערנט, לכבוד דעם פרעגט ער א נייע תירוץ...) ווי אזוי קען זיין אז דורכ'ן **זאגן** סתם ווערטער פון כל התורה כולו וועט מען צום סוף **פארשטיין**? דא קומט א דריי מיט די פינגער, א טיפן קוועטש: מייילא (געדענקסט פון ישיבה דעם טאן 'מייילא') די גאנצע תורה ווי צום ביישפיל אשרי יושבי ביתך, מאימתי קורין את שמע, סוכה שהוא גבוהה למעלה מעשרים אמה, ארבעה ראשי שנים הם, ביצה שנולדה ביום טוב, און אזוי ווייטער רוב רובם פון די תורה. שוין, דארט איז פארשטענדליך דעם רבינ'ס ווערטער: אז מען וועט זאגן און זאגן און זאגן וועט מען צום סוף פארשטיין, אז מען זאגט עס 10 20 30

**הרב אברהם משה שטראססער**

100 200 מאל, איז לא ימלט אז מען זאל עס נישט פארשטייןביים סוף, ווען ס'רוב דערפון זענען דאך ווערטער וואס מען קען דאך די טייטש דערפון.

אבער... - הער א גאונות - אבער אבער וואס טוט זיך ווען מען וועט אנקומען צום קאפיטל נ"ח אין ספר תהילים, איינס פאר'ס לעצטן פסוק, מען וועט זיך אנשטויסן מיט די אומפארשטענדליכע ווערטער... נו די גאנצע עולם צוזאמען... העכער... איך הער נישט... אט אזוי **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו־חי כמו חרון ישערנו**... נו איז דאך נפל פיתא בבירא... ווי אזוי שטימט דא דער **ממילא יבין**, ווי אזוי אין די וועלט קען מען אמאל פארשטיין די טייטש פונעם פסוק בלויז דורכ'ן **זאגן**, די ציינער פאלן דאך ארויס בלויז פון **זאגן** די שווערע עברי, נו אז אפילו איינער וועט **זאגן** טויזנט מאל און צען טויזנט מאל תהילים און זיך אנשטאלפערן נאכמאל און נאכאמאל אין דעם אומפארשטענדליכן פסוק **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו** וועט ער דאך עס נישט ממילא יבין'ן, איז קען דאך נישט זיין אז דאט מעינט דע רעבע... איז לכבוד דעם פירט ער אויס אז ענדערש זאל מען ווייטער זיצן אין ישיבות און כוללים און ארייננגיין און ארויסגיין און ארייננגיין, ארייננגיין ארויסגיין ארייננגיין, טרינקען נאך א קאווע נאך א קאווע נאך א קאווע... יא מיטן ניגון נאך א בעבי... און זיך ארומשלאגן מיטן מגיד שיעור/משגיח/שואל ומשיב/ראש ישיבה/מנהל/נאכטלייגער/טרייבער/ראש הכולל/ריש מתיבתא יו נעים איט, שיעור עיון/ שיעור פשוט/חזרה/חוזר חזרה/פארמיטאג/נאכמיטאג/ערשטע חברותא/פארטאגס/פאר-פארטאגס... עשרת...

און דאס זעלבע איז מיט אינגעלייט, צו בעלי בתים וואס ארבעטן שווער א גאנצן טאג, אדער וואס האבן נישט קיין דזשאב, אדער אפילו די וואס האבן א פארט טיים דזשאב, און זיי ווילן לערנען, זאגט ער ניין, ענדערש גיי קוק מאוויס, ליין צייטונגען, קויף דיר א גרוייייסן פאפקארן... און מאך דיר גענוג פלאץ ארום דיר דו זאלסט קענען מאכן א ריזן בארג פון די אויסגעשפיגענע פאפיטע שאלאכץ... אבער לערנען? לערנען נישט, ווייסט פארוואס ווייל... ווייל... הער א גאונות... ווייל סיי ווי ווען דו וועסט אנקומען צום פסוק **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו** וועסטו דאך נישט קענען אויספיגערן וואס די ווערטער מיינען, איז קען דאך נישט זיין אז דאס איז פשט פון ממילא יבין, איז ענדערש לאמיר בלייבן ביים אלטן אזוי ווי ביז יעצט און נישט לערנען, (און לכאורה לפי דבריו וועט אויסקומען אז דער וואס וועט נישט לערנען און נישט זאגן תהילים וועט האבן גרעסערע שאנסעס אויסצוגעפינען די פונקטליכע טייטש פונעם פסוק **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו** ווי איינער וואס זאגט בלויז די ווערטער...)

איז מיר זענען נישט אין די חינוך ליין, און מיר זענען נישט דא צו פארערכטן דעם סיסטעם, אלזא ווען מיר נישט ארייננגיין אין קיין דעבאטע צו די ווערטער זענען ריכטיג אדער נישט, דאס ווען מיר ליבערש לאזן פאר די ראשי העדה, פאר אונזערע טייערע רבי'ס רבנים און ראשי ישיבות, די וואס זענען געשטעלט צו העלפן אידישע קינדער, זיי זאלן מחליט זיין צו מען זאל אנעמען דעם תירוץ און לכבוד דעם ענדערש נישט לערנען צו נישט.

> אויב וואלטן זיי אנגענומען דעם דרך הלימוד **בטרם יבינו** נאך איידער זיי פארשטייען, זיי **זאגן** די ווערטער פון תורה, וואלט דאס דאך אוועקגענומען פון זיי אלע דערנער, **סירותכם אטד** אלע זייערע עבירות.

מיר זענען שטיין געבליבן ביי איין פונקט, לאמיר טאקע פרובירן אויסצוגעפינען וואס איז טאקע באמת פשט פון פסוק **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו.**

איז לאמיר זען צו עס וועט אונז געלונגען צו זיין א ממילא יבין, איז לאמיר פרובירן... **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו.**

**בטרם יבינו** = איידער זיי פארשטייען

**סירותכם** = (מלשון סורו ממנו כל פועלי און, אדער סורו טמא) ווערן אוועקגענומען

**אטד** = אלע קוצים אלע דערנער (אזוי ווי גורן האטד = ארומגענומען מיט דערנער וואס שטייט ביי די פטירה פון

יעקב)

אין אנדערע ווערטער נאך ווען דוד המלך הייבט אן דעם אויבענדערמאנטן קאפיטל תהילים ווי ער גיסט זיך אויס זיין הארץ אויף די שרעקליכע לשון'ס הרע'ס וואס מען רעדט אויף אים, קומט ער מיט א הארצרייסענדע רוף מיט א געוואלד: אויב וואלטן זיי אנגענומען דעם דרך הלימוד **בטרם יבינו** נאך איידער זיי פארשטייען, זיי **זאגן** די ווערטער פון תורה, וואלט דאס דאך אוועקגענומען פון זיי אלע דערנער, **סירותכם אטד** אלע זייערע עבירות, אלע זייערע איבריגע צייט וואס זיי האבן אויף לשון הרע און שפיכות דמים, עס וואלט דאך זיי אויסגעזויבערט די בלוט, איז ווי געוואלד! מען וואלט דאך זיי אלע געקענט ראטעווען! ווי אזוי? **בטרם יבינו!** איידער זיי פארשטייען, זיי זאלן ווייטער לערנען **זאגן** די ווערטער אן **פארשטיין**, און יעצט גייט ווייטער די פסוק דוגמאות פון וואס מען קען לערנען וואס דאס קען ראטעווען א מענטש אוועקנעמען אלע דערנער אלע קוצים אלע שלעכט.

**כמו ח"י** = ווי למשל ח"י פרקים משניות, וואס דאס איז מזכך ומטהר דעם מענטש

**כמו חרון ישערנו** = אזוי ווי דאס בלאזט אוועק אלע חרון אף'ס אלע גזירות.

נו! וואס איז שלעכט מיט אזא פשט? איך האב נאכנישט געקוקט אין רש"י אבער וואס קען דען זיין א שענערע **ממילא יבין** פון דעם, אז א מענטש **פארשטייט** אז מען דארף נישט **פארשטיין**.

איך האב מיך איינגעהאלטן פון קוקן אין די מפרשים, איך האב געטראכט איך וועל ענדערש קוקן אין מיין באבעס תהילים אפשר האט זי צוגעשריבן דארט א פשט, איך האב גענומען מיין באבעס תהילים איך האב אויפגעמישט צו **בטרם יבינו סירותכם אטד** קאפיטל נ"ח און איך האב געזען עס איז אויפגעבלאזן פון טרערן, און איך טראכט וואס איז דא צו וויינען אויף **סירותכם אטד**, וואס אזאנס האט מיין באבע געוויינט אויף די פסוק, אההה... האב איך פארשטאנען אז איך בין גערעכט געווען מיט מיין פשט, דער רבי זאגט נישט '**וממילא יבין פירוש המילות**' (וואס אגב דאס איז אויך אמת) דער רבי זאגט **וממילא יבין** - ער וועט **פארשטיין**, וואס וועט ער פארשטיין, ער וועט פארשטיין אז מאימתי קורין את שמע טייטשט איך וויל זיין אן ערליכער איד, אז סוכה שהוא גבוהה למעלה מעשרים אמה איז טייטש איך וויל האבן הייליגע אויגן, אז ארבעה ראשי שנים הם טייטשט רובנו של עולם איך וויל זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, און אז **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו** איז טייטש עס גייט דאך פארט גארנישט העלפן, מען וועט דאך מוזן צוריק גיין צום אייבערשטן, נאך אאאלע ליצנות'ער, און אויבן אין הימל גייט מען נישט פרעגן 'עסקת בביאור המילה **בטרם יבינו סירותכם אטד כמו חי כמו חרון ישערנו?**' נאר מען וועט פרעגן 'ערוך מקרא ששנית ערוך משנה ששנית', נו הייב אן... וואס האסטו געטון א גאנץ לעבן? 70 יאר געגעבן איבערגעצויגענע פלייש מיט קארטאפל? און? תורה? גארנישט? און דאס איז וואס מיין באבע האט געוויינט אויף די פסוק רבונו של עולם געב מיר ערליכע קינדער וואס מאכן נישט קיין ליצנות פון ערליכע אידן, ווייל זי האט נישט **פארשטאנען** קיין פירוש המילות, לכבוד דעם האט זי **פארשטאנען** אז דאס איז די טייטש.

אוי איז דאס א שטארקע ממילא יבין.

קוק די אלע וואס זאגן משניות, תהילים און גמרא, זיי **פארשטייען** אזוי גוט וואס די לעבן איז **ממילא יבין**.

קוק די אלע וואס פאלגן בתמימות דעם צדיק, ווי אזוי זיי גייען זיך אום ווי זיי **פארשטייען** א ווייב **ממילא יבין**.

אוי קוק די אלע וואס זאגן ווערטער פון תורה, ווי אזוי זיי **פארשטייען** צו חינוך הבנים **ממילא יבין**.

קוק ווי די אלע וואס פאלגן בתמימות סימן ע"ו ווי אזוי זיי **פארשטייען** אז זיי זאלן נישט אויפצוהערן בענקען און האפן צו זיין ערליכע אידן, **ממילא יבין**.

קוק ווי די אלע וואס **זאגן** ווערטער פון משניות חומש תהילים ווייל דער ראש ישיבה האט **געזאגט** אז מוהרא"ש האט **געזאגט** אז אזוי האט רבי נתן **געזאגט** אז אזוי האט דער רבי **געזאגט**, און אזוי שטייט אין שיחה ע"ו, קוק ווי זיי **פארשטייען** צו ביזנעס, **פארשטייען** צו הייזער, פארשטייען צו קרעדיט קארדס, **פארשטייען** ווי אזוי חתונה צו מאכן ווען עס איז גוט פאר די קינדער, נישט פאר די מחותנים, **ממילא יבין**.

ברוך השם אז אין דעם דור זענען מיר געבענטשט געווארן מיט אזויפיל פון **העיקר הוא האמירה**, דער ראש ישיבה מיט זיינע שיעורים טוט אזוי פיל אריינגעבראקן אין די וועלט אז מען זאל **זאגן** און **זאגן**, איז וועגן דעם זעט מען אזוי שטארק אין אלע הינזיכטן שטארט ארויס אזוי שטארק דעם וממילא יבין. **פארשטייסט**?

# אידענו

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## שניי רעדער פארן ווינטער

אין די יעצטיגע טעג ווילן מיר דערמאנען פאר אלע שטעטל איינוואוינער צו ארויפלייגן שניי רעדער אויף די קארן.

שניי רעדער איז גאר וויכטיג פאר די ווינטער, בעיקר ווען עס קומט די גרויסע שנייען און עס איז ממש סכנות נפשות צו ארומפארן אן דעם, סיי פאר זיך און סיי פאר אנדערע אויטאס.

שניי רעדער איז וויכטיג נישט בלויז פאר שניי נאר אויך אין די קאלטע ווינטער טעג ווען סיי די ראוד און סיי די רעדלעך פרירן פון קעלט, דאן העלפט די ספעציעלע סארט רעדל זיכער צו מאכן אז די קאר גליטשט נישט אויפן ראוד ח"ו, א קליינע גליטש אויפן ראוד קען מאכן א גרויסע עקסידענט ח"ו אויב די רעדער זענען נישט די ריכטיגע סארט.

בפרט דא ביי אונז אין שטעטל, ווי די וועגן זענען זייער געדרייט און עס מאכן זיך גאר הויכע שנייען, זענען די שניי רעדער ממש לעבנס וויכטיג.

אנדערש ווי אסאך מיינען אז שניי רעדלעך זענען אן איבעריגע טייערע אויסגאבע, זאגן די קאר מבינים פארקערט, אז ווען מען פארמאגט צוויי סעטס פון רעדער, און מען נוצט איינס ווינטער און איינס זומער, מאכט דאס אז יעדע סעט זאל האלטן לענגער.

שטודיעס ציינגן אז שניי רעדער פארמינערן די טשאנס פון אן עקסידענט מיט 60%.

לענדער ווי שווייץ אדער קאנאדע וואס זענען גאר שנייאיג און קאלט פארמאגן געזעצן וואס באפעלן אלע איינוואוינער אז מען מוז האבן שניי רעדער, פארן סעיפטי פונעם פאבליק.

פארן דרייווער אליינס איז אויך וויכטיג צו האבן שניי רעדער, כדאי צו קענען זיצן ביים רעדל מיט א רואיגקייט און נישט מורא האבן פון יעדע ברעקעלע שניי וואס קומט אונטער.

מיר בעטן אייך, שניי רעדער איז נישט קיין לוקסוס, נעמט דאס נישט פאר לייכט. סיי צו באשיצן זיך און אויך אנדערע.

## וואו איז נייעס

## תולדות ושמחות

מיר ווילן מעלדן פאר אלע טייערע חברים אז מיר באקומען יעדן חודש פולע בקשות פון אנ"ש וואס ווילן דינגען אדער קויפן הייזער אין שטעטל, און מיר פרובירן יעדן צופרידן שטעלן מיט די מאקסעמום באקוועמליכקייט וואס נאר שייך מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

אזוי ווי די וועגדונגען ווערן נאר מער און מער, האבן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף צוטיילט די ארבעט פון טרעפן א דירה.

ווער עס וויל דינגען א דירה ווערט זיך קענען מעלדן צו מו"ה מרדכי אהרן הייליפרין הי"ו. און ווער עס וויל קויפן א דירה ווערט זיך קענען מעלדן צו מו"ה הענוך אינדיג הי"ו.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר מיט די פארברייטערטע שטאב צו ריכטיג קענען זיך אפגעבן מיט יעדן באזונדער.

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

מו"ה **שמעון פאַרקאַש** הי"ו

וזוגתו פיגא תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**קרית ברסלב ליבערטי**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.

# שפיגל

# אינסטרוקציעס

איך האב צו דיר א שאלה, ווי אזוי קען זיין אז מיר זענען ביידע די זעלבע, טאקע נישט אויסערליך, איך האב א הויכע ביבער הוט און דו האסט א רויטליכע בארד. אבער מיר ביידע גייען צום זעלבע דאנערשטאג נאכט שיעור און מיר לערנען די זעלבע עצתו אמונה.

איז ווי אזוי קען גאר זיין, אז איך בין מיך מחי' מיט אלע הערליכע לעבנ'ס וויכטיגע ברסלב'ע עצות. און דו קוקסט אן ברסלב ווי א שווערע זאך וואס איז ממש א לאסט?

אין יאר 1994 למספרם, אין א קליינע שטעטעלע אינדרויסן פון גרינוויל, דרום קאראליינע.

א קליינע כעמישע פאבריק האט איינגעקויפט א פרישע מישער מאשין, א מיקסער וואס מישט פליסיגקייטן, פון א וועלט בארימטע פראנצויזישע פירמע.

דער מאשין איז אנגעקומען מיט אלע קלאפער געצייג וואס פעלט זיך אויס איר אויפצושטעלן, אינאיינעם מיט א גאנצע ליסטע פון אינסטרוקציעס, פונקטליך אראפגעשריבן און דעטאלירט, איבערגעטייטשט פון פראנצויזיש אויף ענגליש, הערליך מסביר געווען וואס מען דארף טון אז דער מאשין זאל ווערן אויפגעשטעלט, פארשטייט זיך פול מיט שווערע ווערטער און טערמינלאגיע וואס האבן זיך פארלאנגט אסאך אויפמערקזאמקייט, אבער נאכאלץ זייער גרינג צו פארשטיין אויב מען לייגט זיך אריין דערין.

דער הויפט ענדזשינער פונעם פאבריק, א מענטש מיט איבער 20 יאר עקספיריענס אין די סארט טעכנישע ארבעט. איז געווארן גאר צומישט פון די לאאאנגע איבערגעטייטשטע ווערטער און אנגעהויבן נעמען גרויס דרוק פון די אינסטרוקציעס, ער האט אויך געהאט גרויס דרוק פון דעם אייגענטימער פונעם פלענט וואס האט געלייגט לחץ אז דער מאשין מוז אנהייבן ארבעטן ווי אמשנעלסטן.

נישט פארשטייענדיג וואס קומט פאר איז דער הויפט אינדזשעניר געגאנגען און דורכגעליינט יעדן ווארט און פרובירט צו פארשטיין וואס קומט פאר, אבער ווען מען נעמט זאכן נישט ריכטיג פארשטייט זיך מאכט מען טעותים.

יעצט אזוי, אין די ארגינעלע דאקומענט אין פראנצויזיש איז געשטאנען פונקטליך ווי שנעל מען מעג לאזן דעם מאשין לויפן, אבער ווען דער איבערטייטשער האט עס מתרגם געווען איז ער מיאוס פארפארן פונעם נושא, און בטעות געשריבן א נומער דריי מאל אזוי הויעך.

דער אינדזשעניר וואלט ווען געדארפט אויפכאפן אזא וויכטיגע פראטאקאל וואס איז נישט ריכטיג געשריבן, אבער אזוי ווי ער האט נישט ריכטיג געליינט און געגומען איבעריגע דרוק, דאן האט ער עס פארזען.

אזוי האט ער געבויט דעם מאשין נישט ריכטיג. און טאקע אזוי ווי פארגעשטעלט, דעם ערשטן מאל וואס מען האט אנגעצינדן דעם גיגאנטישן מאשין איז עס נאך צען מינוט צעפיצלט געווארן אויף מיליאן שטיקלעך, אויסגיסענדיג די טייערע פליסיגקייטן וואס איז איר דורכגעלאפן בשעת מעשה, מאכענדיג א גרויסע חורבן. מען האט געדארפט אפשפארן דעם גאנצן פאבריק פאר עטליכע טעג צו אפריינינגן דעם גרויסן באלאגאן.

די דערנעבנדע קלעמערסאן יוניווערסעטי', האט אדורכגעפירט א גרויסע איבערזיכט איבער וואס האט פאסירט, און אריינגעלייגט דעם אינצידענט אונטערן קאטעגאריע פון "ASSUMPTION UNDER PRESSURE" דאס הייסט די שולד דערפון איז געווען "נעמען פרעשור פון זאכן וואס דארפן געטון ווערן מיט א רואיגקייט".

און דא איז די ענטפער צום איבערדערמאנטע שאלה וואס איך האב אנגעהויבן, ווי אזוי קען זיין אז מיר זענען אזוי אנדערש ווען מיר זענען ביידע די זעלבע?

דער ענטפער איז אז איך בין נישט דער וואס דארף דיר זאגן, אבער איך גיי דיר זאגן סיי ווי ווייל די ליינסט עניוועי', דו ליינסט עצתו אמונה אבער אויף גאר א מאדנע וועג.

אנשטאט לערנען אז דער ראש ישיבה וויל אז מיר זאלן מאכן התבודדות, ווערסטו אינגאנצן אנגעצויגן אז מען דארף שוין מאכן התבודדות.

אנשטאט לערנען אז דער ראש ישיבה וויל אז מען זאל זאגן משניות, ווערסטו אנגעצויגן אז די לעצטע יאר-חודש-וואך-טאג. איז קיין משניות געזאגט געווארן.

און פארדעם פארצייל איך דיר וואס איז פארגעקומען דארט אינעם פארשטופטן פאבריק אין סאוט קאראליינע, ווייל אז מען נעמט פרעשור פון זאכן וואס מען דארף נעמען רואיגערהייט דאן טוט מען גארנישט אויף.

ווען עס שטייט אין עצתו אמונה למשל "מען טאר נישט רעדן ביים דאווענען; אז מען רעדט ביים דאווענען פארשעמט מען דעם באשעפער, עס איז א חילול השם". די עצה איז צו בעטן דעם אייבערשטן צו אויפהערן רעדן ביים דאווענען, נישט אז מען זאל נישט קומען אין בית המדרש אדער אוועקפאקן דעם עצתו אמונה.

# היכל הקודש נייעס



אומאן

## אפלויף סיסטעם ביים בנין היכל הקודש ווערט איבערגעמאכט

האלטנדיג צוויי חדשים נאך דעם געהויבענעם יום טוב וואס מיר האבן געהאט ביים הייליגן רבי'ן, ווי מיר האבן זיך אנגעשעפט כוחות אויף די גאנצע יאר, שפירט זיך נאך די שמחה אין די ביינער. מען דאנקט דעם אייבערשטן יעדן טאג וואס מיר האבן געהאט די זכי' צו מקיים זיין דעם באפעל פון הייליגן רבי'ן, און נישט געקוקט אויף קיין שוועריקייטן זענען מיר זיכער אז מיר האבן גע'פועל'ט א גוט יאר.

אין די צייט וואס מיר אלע זיצן רואיג, און די נסיעה אויפן קומענדיגן יאר זעט נאך אויס ווייט אוועק, שלאפן אבער נישט די חשובע עסקנים. זיי שפירן פאר א זכי' צו העלפן אז אנשי שלומינו זאלן האבן א געשמאקן און רואיגן יום טוב.

דער יום טוב איז אדורך הערליך ברוחניות ובגשמיות, אבער דא קומט דער אבער - עס איז געווען א גרויסער סוער פראבלעם. במשך דעם צווייטן טאג יום טוב האט מען בלית ברירה אפגעשפארט דעם וואסער סיסטעם, צוליב וואס די אפלויף סיסטעם איז געווען איבערגעפילט און פארשטאפט. טראץ וואס דאס נישט האבן קיין וואסער פאר די איבער זעקס הונדערט געסט איז געווען גאר שטארק אומאנגענעם, די בית הכסא'ס און די סינקס צו וואשן די הענט האבן נישט געארבעט, וואלט עס געווען אסאך ערגער ווען עס פאסירט א סוער בעקאפ.

די מענעדזשמענט האט גאר שווער געארבעט עס צו פאררעכטן, אבער האבן געזען אז עס איז נישט מעגליך עס צוריק צו שטעלן ווי געהעריג, נאכדעם וואס די אזוי-גערופענע "פלאשעבל" ווייפס האבן פארשטאפט און צובראכן דעם טייערן סיסטעם.

אין די יעצטיגע טעג האט די הנהלה אויפגענומען א לאקאלן קאנטראקטער איבערצומאכן און פאררעכטן דעם גאנצן סוער סיסטעם, מען זאל עס קענען ווידער נוצן אויפן קומענדיגן יאר בעז"ה. די קאסטן דערפאר ווערן ערווארטעט צו גרייכן אין די צענדליגע טויזנטער דאלארן, אבער עס איז נישטא קיין ברירה, ווייל כדי מען זאל עס קענען נוצן אויף ראש השנה הבעל"ט מוז מען זיך שוין יעצט נעמען צו דער ארבעט.

אויף קומענדיגן יאר, זאגן די עסקנים, וועט מען ארייןלייגן מער כוחות אז דער ציבור זאל זיין וואכזאם צום מציאות אז נוצן ווייפס צוברעכט דעם סיסטעם און מאכט אן אסאך שאדן פארן ציבור.

גרשון קרעמער



# די אמעריקאנער רעגירונג ענדיגט די פראדוקציע פון פענים

אין א שטילע אבער היסטארישע מאמענט אין די יו.עס. מינט אין פילאדעלפיע, האט מען די וואך פראדוצירט דעם לעצטן פעקל פון איין-צענט מטבעות, און דערמיט האט זיך געענדיגט א 235-יעריגער קאפיטל אין אמעריקאנער וואלוטע. די באשלוס איז געקומען נאכדעם וואס דער פרעזידענט האט געהייסן די טרעזשורי דעפארטמענט אויפצוהערן פראדוצירן פענים, באטראכטנדיג עס אלס א טייערע איבערבלייבעניש פון א פארגאנגענע תקופה.

אין די לעצטע יארן איז די פרייז צו פראדוצירן דער פעני ארויף זייער שטארק, און עס האט שוין געקאסט כמעט 4 צענט צו פראדוצירן איין צענט. די אמעריקאנער רעגירונג האט יערליך אויסגעגעבן מיליאנען אויף מטבעות וואס מען האט כמעט נישט גענוצט, און עס האט שוין מער נישט געמאכט קיין "סענטס" עס ווייטער אנצוהאלטן... בפרט היינט אז רוב געלט טראנזאקציעס ווערן דורכגעפירט דיגיטאל, האט די פשוט'ע קופערנע מטבע שוין לאנג פארלוירן איר ראלע אין פראקטישן טעגליכן באנוץ.

אויפן טאג-טעגליכן לעבן מיינט עס נישט קיין גרויסע זאכן, ווייל פענים וועלן בלייבן לעגאלע געלט, אבער געשעפטן וועלן מער נישט קענען שרייבן די באקאנטע $1.99 פרייזן, נאר וועלן מוזן טוישן אזא פרייז צו $2 אדער $1.95. יעדע סך הכל פון די בילס וועלן דארפן ווערן גערונדעט צום נאנטסטן פינף צענט.

אבער פון די אנדערע זייט געבט עס אונז אסאך צו טראכטן. ווייל דאס דערמאנט אונז עפעס וואס איז גרינג צו פארגעסן. די וועלט מאכט אונז טראכטן כאילו די מערסטע ווערטפולע זאך איז "געלט", בשעת געלט קומט און געלט גייט, און ווי רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "אדער גייט דער מענטש אוועק פון זיין געלט, אדער דאס געלט פונעם מענטש".

אבער דער אמת'ער מטבע, למשל צדקה, אדער יעדע אנדערע זאך וואס מען טוט פארן אייבערשטן, די סארט וואלוטע גייט קיינמאל נישט ארויס פון באנוץ. דאס דארף מען נישט ראונדן. דארט האט יעדע פרוטה דעם פולן ווערד, נאך מער, דער ווערד איז געוואונדן לויט ווי שווער עס קומט אן. פאר דעם כעס'ן איז דער ווערד פון שווייגן אסאך העכער, פאר דעם נייגעריגן איז דער ווערד פון זיך איינהאלטן פון קוקן, פון הערן אסאך מער ווערד.

דער אמת איז אז די אלע וואס האלטן אין די קאר פעקלעך פון פענים, כדי צו קענען אריינלייגן אינעם פושקע יעדע מאל מען פארט ארויס אויפן וועג, אדער אין חדר און אין סקול וואו מען איז מחנך די קינדער צו געבן צדקה יעדן טאג, וועט דאס פון היינט און ווייטער אנהייבן קאסטן מער. אבער נישט געזארגט, דער זעלבער באשעפער וואס האט צוגעשטעלט די פענים ביז יעצט, וועט ווייטער צושטעלן די ניקלעך, זיי נישט פאר'דאגה'ט.

פון היינט און ווייטער וועט די מאמר חז"ל (בבא בתרא ט:) "פרוטה ופרוטה מצטרפת" ארויפגיין די ווערד, ווען עס וועט מער נישט עקזיסטירן די קופערנע פעני.

יעצט איז די ריכטיגע צייט אנצוהייבן אוועקלייגן די זעלטענע מטבעות וואס וועלן קיינמאל מער נישט פראדוצירט ווערן. מומחים זאגן אז דער ווערד פון די פרוטות וועט זייער שטארק ארויפגיין. מיר רעדן דא נישט פון די רויטע פענים. מיר רעדן דא פון די קליינע מצוה'לעך - וואס מיר קוקן דא אן ווי פענים. אבער אויב מען אינוועסט יעצט דערין, מען זאגט א גוט ווארט פאר איינעם, מען גייט אריין אין בית המדרש כאפן א מנחה אין א ווינטערדיגן טאג, זענען די סטאקס פון די מצוה'לע דארט גאר הויך. עס איז ווערד אלע געלטער!

**פרוטה פרוטה מצטרפת!**

# א ווארט צוויי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלעך

בערל שניצלער

## דיבורים אן זיך אנלייגן

"פאר איך האב גערופן דער ראש ישיבה צו קומען אויפטערטן פאר אונזערע מלמדים האב איך געקענט האבן קאלטע פיס טראכטנדיג אז ס'קען קומען היעט נאכדעם, פון עלטערן און מלמדים צוגלייך, אבער מ'דארף טון וואס איז ריכטיג נישט וואס יענער וואס האלט נישט פון מיך האלט אויף מיך...

למעשה נאך די שמועס פונעם ראש ישיבה פאר אונזערע מלמדים האב איך זיי אויסגעפרעגט צו מ'זאל עס טון נאכאמאל, כלם בפה אחד אמרו: "יא שאר פליז רוף אים נאכאמאל, כ'ווייס נישט אויב ער וועט האבן צייט אבער זיכער..."

איך האב מיך גרעדע געראכטן אויף דעם תירוץ, ווייל דער ראש ישיבה רעדט אלץ מיט אזא חן און מיט אזא גרינגקייט, איך ווייס נישט צו מ'וועט פארשטיין וואס איך גיי זאגן, ווען דער ראש ישיבה רעדט ביי א שיעור איבער סיי וועלכע נושא, דער מקשיב שפירט ווי דער ראש ישיבה לייגט זיך נישט אן אויף די מענטש, און אז מ'לייגט זיך נישט אן אויף די מענטש לייגט זיך עס יא אן אויף זיין נפש, און ס'איז מורא'דיג א גוטע זאך און ס'האט א מורא'דיגע השפעה..."

**– הר"ר יואל ראטטער שליט"א, מנהל תלמוד תורה יסודי התורה ד'לעיקוואוד אויף זיין אינהאלטסרייכע שמועס מיט די ברסלב'ע ברודער**

## גדולה תשובה

"איך האב געהאט א שווערע שאלה אויף די באקאנטע מעשה פון יחזקיהו המלך ווען ער האט געזאגט פאר ישעיה הנביא ווער איז אים געקומען מבקר חולה זיין אז ער האט נישט חתונה געהאט ווייל ער זעט ברוח הקודש אז עס וועט ארויסקומען פון אים מנשה המלך וואס וועט אריינברענגען צלמים אינעם בית המקדש און ער וועט פארטרייבן די שכינה הקדושה, די שאלה איז אז די גמרא זאגט דאך אז צום סוף האט ער תשובה געטון, ער האט געזען אז ער וועט זינדיגן און דאס האט ער נישט געקענט זען ברוח קדשו אז ער וועט תשובה טון?

ענטפערן צדיקים אז ניין, ס'איז דא איין זאך וואס איז העכער ווי רוח הקודש, העכער ווי מלאכים שרפים חיות ואופני הקודש, העכער פון אלעס... דאס איז תשובה, אלעס האט ער געקענט זען אויסער תשובה, דאס איז העכער ווי רוח הקודש! שטעלט אייך פאר ווי גרויס תשובה איז...

**– דער דיין שליט"א ביים שיעור סיפורי מעשיות פאראנגענעם שב"ק חיי שרה**

## לעבנסטעג

"כדי ארויסצוברענגען דעם כלן שוה לטובה וואס שרה האט בייגעוואוינט טייטשט מען טאקע שני חיי שרה – די לעבן סטעיק פון שרה, דאס לעבן אירע איז געווען א סטעיק לעבן..."

**– ר' משה ארי' שניצלער אין א פרשה געווידמעטע שמועס**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### בטרם יבינו

"און אויב דיין טאטע פרעגט דיך די שאלה וואס מ'רעדט שוין א גאנצע וואך ביי די שיעורים 'לאמיר זען איינער וואס זאגט שוין תהלים פאר די לעצטע צוואנציג יאר און ער זאל פארשטיין די טייטש פונעם פסוק: בְּטֶרֶם יָבִינוּ סִּירֹתֵיכֶם אָטָד כְּמוֹ חַי כְּמוֹ חָרוֹן יִשְׂעָרֶנּוּ' – הגם די קשיא איז נישט קיין קשיא, אפשר דאס אז איך וועל זאגן און זאגן אן פארשטיין וועט מאכן איך זאל זיך אנהייבן אנטרעסירן 'וואס איז טייטש די פסוק בְּטֶרֶם יָבִינוּ סִּירֹתֵיכֶם אָטָד כְּמוֹ חַי כְּמוֹ חָרוֹן יִשְׂעָרֶנּוּ', אבער דאס זאג איך דיר, ווען דיין טאטע פרעגט דיר עס איז נישטא קיין תירוצים, א טאטע ענטפערט מען נישט!"

**– שיעור אין ישיבה דאנערשטאג חיי שרה**



# מעשיות פון תפילה

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. איך בין געלאפן די לעצטע מינוט צום געשעפט פארן פארן אויף אומאן שעפשענדיג א תפילה אז יענער זאל מסכים זיין דאס צו פאררעכטן אויפן פלאץ.

שכח אייבערשטער ס'איז געווען אזוי געפאקט אינעם געשעפט אז אן קוקן אויף מיך האט ער מיך אריינגעשיקט עס צו פאררעכטן אינעווייניג.

2. ווי אלע יארן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטען פאר א גלאטע ריינע שנעלע נסיעה קיין אומאן ראש השנה.

איך האב געבעטן אז דארט וואו איך זיץ זאל נאר סערווירן א מאן פלייט אטענדענט.

די פלייט זאל ארויס פארן צייטליך.

די רענצלעך זאלן אנקומען.

און אלע דעטאלן זאלן קלאפן גענוי.

שכח אייבערשטער אלס האט געקלאפט.

3. אויפן וועג צוריק האבן מיר געהאט א פראבלעם. די פלי צייט איז געווען זייער גרעניצליך, און מ'האט געלייגט אסאך תפילות אז מיר זאלן עס אניאגן.

איך - בטיפשותי - האב אויך געבעטן ס'זאל פאסירן א שטיקל דילעי' כדי מ'זאל זיכער אניאגן.

אויך האב איך געבעטן אז ביים גרעניץ זאל אלעס פארן שנעל.

ב"ה, די גרעניץ איז געגאנגען אזוי שנעל אז מ'האט געהאט אזוי סאך צייט צו אניאגן צו גיין קיין קערעסטיר אויך...

למעשה איז מיין תפילה אנגענומען געווארן און ס'איז אויך געווען א דילעי'.



# וויאַזוי אַרבעט מען מיט בחורים?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ בִּין אַ מַגִיד שִׁיעוּר אִין אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה דִי צְווייטֶע כִּיתָּה, אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ מִיט דִי בָּחוּרִים, בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ בָּחוּר פָאלְגְט נִישְׁט, דִי בָּחוּרִים וֵוייסְן אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין חָכְמוֹת, יֶעדֶער שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ דִי זְמַנֵּי הַלִימוּד, אוּן מֶען קוּמְט אָן זֵייעֶר אַסַאךְ יֶעדֶע זְמַן.**
**פַארְטָאגְס לֶערְנֶען מִיר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פַארְמִיטָאג לֶערְנֶען מִיר גְמָרָא בְּעִיּוּן, נָאכְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען שִׁיעוּר פָּשׁוּט אוּן בַּיי נַאכְט סֶדֶר לֶערְנְט מֶען סִפְרֵי חֲסִידוּת.**
**וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר אִיז אַז וֶוען דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן אַריין אִין יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה, וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא אַזַא שְׁטְרֶענְגֶע מִסְגֶרֶת – וֶוערְן זֵיי נָאכְגֶעלָאזְט, נָאכְדֶעם פַאלְן זֵיי אַרָאפּ אוּן מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט גֵייט לְאִבּוּד. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דִי הַיינְטִיגֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט אוּן פַארְוָואס אַזוֹי סַאךְ בָּחוּרִים פַאלְן אַוֶועק, אֶפְשָׁר אַז אִיר רֶעדְט אַסַאךְ צוּ בָּחוּרִים וֵוייסְט אִיר דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם? יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים פוּן זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט; אַז מֶען לֵייגְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג אוּן עֶס וֶועט סֵיי וִוי נִישְׁט אָנְהַאלְטְן – אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט.

לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אָנְטוּן תְּפִלִּין אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן הִיטְן שַׁבָּת.

אַז מֶען לֵייגְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף עֶסְן מִיט אַ הוּט, אָדֶער גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ גַארְטְל וְכַדוֹמֶה לָזֶה – כָּל זְמַן דִי בָּחוּרִים זֶענֶען יוּנְג פָאלְגְן זֵיי, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט פוּן דֶעם קַיין שְׁפִּיר.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים, יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט זִיךְ זֵייעֶרֶע מִנְהָגִים, אַלֶע מִנְהָגִים זֶענֶען חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל; **דֶער עִיקָר דַארְף בְּלַייבְּן עִיקָר, דֶער עִיקָר אִיז רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

טָאג אוּן נַאכְט דַארְפְן מְלַמְדִים אוּן מַגִידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין תּוֹרוֹת; אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען טוּט. וֶועט אִיר זֶען אַז נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַאלְן, זֵיי וֶועלְן גֵיין נָאר מַעֲלָה מַעֲלָה אוּן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

בַּיינַאכְט וֶוען אִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי סִפְרֵי חֲסִידוּת זָאלְט אִיר זֵיי דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים אַסַאךְ חִיזוּק; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "**פַאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר וָואס מֶען זָאגְט, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת**"; נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט פוּן מוּסָר הַאלְט נִישְׁט אָן צוּ לַאנְג, ווִידֶער הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס – דָאס הַאלְט אָן אַ לַאנְגֶע צַייט"; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ תַּלְמִידִים, מֶען גֶעבְּט זֵיי מוּסָר – דַארְף מֶען זֵיי אַסַאךְ מְחַזֵק זַיין, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נִישְׁט פַאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

עצתו אמונה תולדות תש"פ


תלמוד תורה היכל
די באן
רוקט זיך
פאראויס
כאפט אייך מיט!
די קינדערלעך לערנען שוין
אינעם נייעם הערליכן בנין.
די זכותים וואקסן טעגליך!
נאך געציילטע זכותים פארבליבן
אינעם נייעם בנין התלמוד תורה
האנדלט אייך איין א זכות לנצח נצחים!
רופט שוין די געטרייע גבאי קרן הבנין:
מו"ה שבתי מארקוס הי"ו
347.735.9688
מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו
347.997.2348
ה ש ל מ ז
*sruliHeskel


א באזונדערע מסיבת לחיים
וחתימת שטרות וועט פארקומען
פאר אלע נדבנים וואס גייען
העלפן אינגאנצן פארענדיגן דעם
בנין לשם ולתפארת
קרן הבנין
מגבית
הרחבת
גבולי קדושה
ה ה ב נ י ן

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## פּאַפּקאָרן

### שאלה

**א גרויסן יישר כח פאר אייערע באלערנדע ארטיקלען יעדע וואך.**

**איך גלייך צו עסן פאפקארן. איך לייג אריין קערלעך אינעם מייקראוועיוו, איך צינד עס אן, און עס גייט נישט דורך מער ווי עטליכע מינוט און איך הייב אן צו הערן ווי עס הייבט אן אויפצופלאצן.**

**איך בין זייער נייגעריג: וויאזוי פאפט פאפקארן?**

### ענטפער

א פאפקארן קערנדל איז עפעס אזוי ווי א קליינע פרעשור-קוקער. דעם קערנדל'ס שאלעכץ איז הערמעטיש פארמאכט, און האלט פארכאפט דערין די ווייכע סטארטש און אביסל וואסער.

ווען מען הייצט אן דעם קערנדל, ווערט דאס וואסער דערין אויף הייס, און ווען דאס וואסער דערין גרייכט צו א געוויסע גראַד היץ, קען עס מער נישט בלייבן פליסיג. עס מוז ווערן פּאַרע, (די ווייסע "רויך" וואס קומט ארויס ווען מען קאכט וואסער). אבער די וואסער קען זיך נישט אויסברייטערן, די שאלעכץ לאזט עס נישט דורך. די פרעשור אינעווייניג ווערט שטערקער און שטערקער, ביז "בום" - דאס וואסער פון אינעווייניג זיגט, די שאלעכץ רייסט אויף, און די ווייכע סטארטש ווערט באפרייט און ווערט אין יענע סעקונדע פארוואנדלט אין א נייע בריאה, די געשמאקע "פּאַפּ קאָרן".

דאס איז א געוואלדיגע לימוד פאר אונז אלע. פון קליינערהייט אן גייען מיר דורך אזא ערפארונג מער ווי איינמאל. א קליין קינד ליגט זיך רואיג און באקוועם, מען פיטערט אים, מען באדט אים, מען טוישט אים. אבער ער וואקסט אביסל אונטער און מען הייבט אן צו לייגן "פרעשור". מען וויל ער זאל אנהייבן קריכן, מען לייגט זיין באליבטע פלעשל אביסל ווייטער, און ער מוז זיך ארויסרייסן פון זיין קאמפארט זאון און וואקסן.

דערנאך שטופט מען אים ווייטער, מען שטופט אים צו גיין, און שפעטער טראגן אים די עלטערן אין א פרעמדע פלאץ. ער קען דא קיינעם נישט, עפעס א טאטע - זאגט מען אים, איז זיין רבי, און זיין טאטע זאגט אים "ביי ביי, גיב דיך אן עצה. וואקס!" און דאס גייט ווייטער כסדר ביז דאס קינד ווערט שוין גרויס און מען טוט א שידוך.

דאס קינד קען שפירן כאילו מען שטופט אים ארויס. ער פארשטייט נישט, "איך האב דא פון אלעם גוטן, איך האב צו עסן, צו שלאפן, פארוואס דארף איך אנהייבן נעמען אחריות אויף אלעמען אליינס?" אבער טאקע ווייל די עלטערן האבן רחמנות אויף זייערע קינדער, העלפט מען זיי צו שטיין אליינס, און ווערן זעלבסטשטענדיגע מענטשן.

לאמיר אנהייבן דאנקען דעם אייבערשטן פאר אלע טשעלענדזשעס (נסיונות) וואס ער גיבט אונז, ווייל נאר אזוי האבן מיר געקענט אנקומען וואו מיר זענען היינט אנגעקומען. עס זעט אויס ווי כאילו די נסיון איז עפעס א שטער פאר מיין לעבן, אבער ניין, דאס ברענגט דיר גאר דאס פארקערטע, עס ברענגט דיר ארויף צו די גרעסטע סוקסעס, עס ברענגט דיר נענטער צו תכלית וואס דאס איז רעדן צום אייבערשטן.

ווען נישט דעם נסיון וואלסטו נישט געדענקט פונעם אייבערשטן, אזוי אבער געבט דיר דאס א וועק אויף. אין די צייט וואס דו דערזעסט זיך אליין אויפן וואסער, עפענסטו גלייך דיין מויל און עס קומט ארויס לעכטיגע ווערטער צום אייבערשטן וואס וואלט נישט פאסירט סתם אזוי ווען אלעס איז אנגענעם און באקוועם.

אן עצה פאר דעם איז צו רעדן און דאנקען דעם אייבערשטן פאר עס קומט אן א שוועריקייט, אזוי ארום דארף מען נישט שיקן קיין אומאנגענעמענע שטרויכלינגען פארן מענטש.

נישט פארגעסן צו מאכן א ערליכע ברכה.

**יסורין ממרקין עוונותיו של אדם**



# פיאנא

## שאלה

**עס איז מיר אינטערעסאנט צו פארשטיין ווי אזוי דער פיאנא ארבעט.**

**היינטיגע פיאנאס ארבעטן מיט עלעקטריציטעט. אבער די שאלה איז אויף די גרויסע אלטמאדישע פיאנאס, ווי אזוי קען יעדער קנעפל ארויסגעבן אן אנדערן טאן - אן קיין עלעקטריציטעט?**

**שלום יאקאבאוויטש**

## ענטפער

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף. לאמיר "אויפהייבן דעם דעקל" פון דעם שיינעם גרויסן פיאנא און זען וואס טוט זיך אינעווייניג:

ווען דו דרוקסט דעם קנעפל, הייבט זיך אויף א קליינע האלצערנע שטיקל, וואס שטופט א האמערל צו עטליכע "סטרונעס".

יעדער טאן האט זיך זיינע אייגענע סטרונעס: קורצערע, דינערע פאר די הויכע טענער; לענגערע, דיקערע פאר די נידריגע טענער. ווען דער האמער קלאפט אויף די סטרונעס איז עס גורם אז זיי זאלן זיך שאקלען און "ציטערן". די ציטערונגען גייען דאן צו א גרויסער האלצערנער קלאנג-ברעט, וואס פארשטארקט נאטורליך דעם קלאנג—אן קיין ספיקערס אדער עלעקטריציטעט

דער טאן ווענדט זיך אין דריי זאכן:

- די לענג פון די סטרונע (לענגער מאכט א נידריגערן טאן, און וואס קורצער איז דער טאן העכער).
- די דיקקייט און ווי שטארק יעדע סטרונע איז אויסגעצויגן (שטייף און דין מאכט א הויכן טאן, לויז און דיק מאכט א נידריגן טאן).
- די צאל סטרונעס (די מיטעלע און הויכע קנעפלעך ניצן בדרך כלל דריי סטרונעס אינאיינעם וואס געבן ארויס א רייכערן קלאנג; די נידריגע (באס) קנעפלעך ניצן געוועגליך איין אדער צוויי דיקע סטרונעס).

ווען מען לאזט אפ דעם קנעפל, פאלט אראפ א קליינע ווייכע האמערל אויף די סטרונע וואס שטעלט אפ די ציטערונגען, און עס הערט אויף צו "זינגען". מיט דעם ווייסטו שוין לכאורה פארשטיין פארוואס ווען דו האלטסט ווייטער אן דיין פינגער אויפן קנעפל בלייבט דער טאן זינגען.

דער גאנצער פראצעדור איז הונדערט פראצענט מעכאניש. עס איז געבויט פון האלץ, ווייכע סחורה און אייזן, און דער פיאנע אזוי ווי מיר קענען איר היינט איז שוין אלט בערך 300 יאר.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן רע"ג): **טוב להאדם להרגיל את עצמו שיוכל להחיות את עצמו עם איזה נגון, כי נגון הוא דבר גדול וגבוה מאד מאד ויש לו כח גדול לעורר ולהמשיך את לב האדם להשם יתברך.** עס איז זייער גוט צו צוגעוואוינען זיך צו אויפלעבן מיט א ניגון, נגינה איז זייער א גרויסע און הויכע זאך, עס האט א געוואלדיגע כח צו אויפוועקן א מענטש, ער זאל אנהייבן בענקען צום אייבערשטן.

יעדער זאל נעמען דעם ניגון וואס רעדט פערזענליך צו זיין הארץ. יעדער ניגון איז אנדערש, און יעדער איד איז אנדערש. אבער אויך זאגט דער קיבארד אז כאטש יעדער קנעפל האט א באזונדערע קלאנג, אבער צוזאמען זינגען זיי הערליכע לידער. מען דארף טאקע פון איין זייט האבן יעדן קנעפל, אויב איין קנעפל פעלט קען מען נישט שפילן דעם ניגון. עס ווערט נישט האבן קיין טעם. אבער פון די אנדערע זייט קען זיך קיין איין קנעפל נישט גרויס האלטן אז ער איז די זאך. דער זינגט דיקע שטימעס, דער שפילט הויכע שטימעס, אבער ווען מען איז באחדות, קיינער זוכט זיך נישט צו גרויסן איינער אויפן צווייטן, איז דער ניגון וואס קומט ארויס פון כלל ישראל אזוי שיין. די הארמאניס, די אינטראס, די באס און די מעלאדיעס זענען מלא חן. יעדער איד געבט צו זיין טעם און זיין געשמאק.

טייערער שלום נרו יאיר, הייב אויף דעם דעקל פון דיין פיאנא און אנטדעק די כחות וואס דער אייבערשטער האט "דיר" געגעבן, ווערסטו מצליח זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

# אונזערע
# פיאנער



# אריינפיר

דיווארט "רענט קאמפיין" לויפט סינאנים מיט "קהל היכל הקודש ברסלב" און מיט די בארימטע גבאי צדקה מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו.

אלע אנ"ש ווייסן שוין גאנץ גוט צו זאגן פון דעם בארימטן קאסע וואס איז פון די עמודי התווך פון אונזערע קהילה.

היינט האבן מיר זיך אוועקגעזעצט מיט ר' שבתי און ר' אשר בער הערן אביסל מער איבער די היסטאריע פון די רענט קאמפיין און איבער די געוואלדיגע פעולות פון די רענט קאמפיין, ווי אויך הערן אביסל איבער די עתיד פון דעם קאסע.

**ישראל דוד העסקעל**



**שלום עליכם ר' שבתי און ר' אשר בער!**

עליכם השלום!

**לאמיר גראד צוטרעטן צום ענין. אין די קהילה ביסטו דאס מערסטע באקאנט צו זיין די גבאי צדקה פון די בארימטע רענט קאמפיין. לאמיר הערן אביסל ווען האט זיך די רענט קאמפיין געגרינדעט און פארוואס עס האט אויסגעפעלט צו גרינדן אט דעם דאזיגע קאסע?**

די רענט קאמפיין איז געגרינדעט געווארן אין יאר תשע"ג, על הטוב יזכר די ערשטע גבאי פונעם רענט קאמפיין איז געווען מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו.

די השתלשלות הדברים איז געווען אז דער מנהל מו"ה אברהם משה שליט"א איז געווען ממונה צו שאפן און צאלן די רענט יעדן חודש פאר די בנין הישיבה. ס'איז אבער געקומען צו א מצב אז דער מנהל איז געווען גאר איבערגעשטרענגט מיטן שאפן די ריזיגע סכומים, און איז געקומען צום ראש ישיבה אז מער קען ער נישט טראגן דעם עול.

דער ראש ישיבה האט דעמאלט איבערגענומען די עול פונעם מנהל, און שטארק אנגעהויבן צו פאדערן פון די בחורים צו גיין נאך געלט כדי צו העלפן באצאלן די רענט פונעם בנין.




ס'איז געווען צייטן וואס די בחורים פלעגן נישט ברענגען גענוג געלט צו קענען דעקן, האט דער ראש ישיבה געלייגט א צעטל אויפן טיר אז די ישיבה איז פארמאכט ביז מ'ברענגט די נויטיגע סכומים.

דעמאלטס איז ר' מנחם מענדל געגאנגען צום ראש ישיבה און געפרעגט אויב ער קען איבערנעמען די עול פון די רענט, ער וועט שאפן די געלט צו קענען דעקן די רענט פארן בנין הישיבה.

אבער געזאגט איז גרינגער ווי געטון.... ר' מנחם מענדל האט שווער געארבעט דערויף, און די ערשטע חודש טאקע האט ער געשאפט פון אנ"ש שיינע סכומים. אבער ביים צווייטן חודש האט זיך שוין אנגעהויבן דעם "רוף מיר צוריק מארגן...."

דעמאלט איז מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו געווען א אינגערמאן פריש נאך די חתונה, איז ער געגאנגען צום ראש ישיבה און זיך אנגעטראגן אז מען וועט צוטיילן די ארבעט, ער וועט שאפן געלט פון די בחורים און ר, מנחם מענדל וועט שאפן די געלטער פון די אינגעלייט.

אין יענע תקופה איז מו"ה שבתי מארקוס הי"ו געווען א בחור וואס האט געלערנט אין ישיבה גדולה קרית יואל, און פלעגט זיך כסדר ארויסכאפן פון ישיבה און זיך אריינזעצן אין גן עדן אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל.

איין טאג איז געווען א לייוו הוקאפ שיעור פונעם ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער ס'זיצט אלס ביים שיעור דארט אין קרית יואל, האט איינער אריינגעזאגט אז שבתי מארקוס זיצט דא...

דער ראש ישיבה האט זייער שטארק אויסגע'מוסר'ט שבתי פארוואס ער גייט נישט נאך געלט, און טוט נישט מער צו העלפן פאר די ישיבה זיך צו קענען דעקן.

ר' שבתי איז דעמאלט שטארק נתעורר געווארן צו העלפן דעקן די הוצאות הישיבה, האט ער זיך אראפגעזעצט מיט ר' אשר בער און אים געפרעגט ווי אזוי ער קען העלפן.

אזוי שמועסנדיג איז הרב יעקב לעזער שליט"א אדורכגעגאנגען, און ער גיבט זיך א רוף אן פאר די צוקונפטע גבאים "עטץ זאלטס וויסן אז די אינגעלייט ווילן געבן געלט, מ'דארף זיי נאר בעטן". און אויפן פלאץ האט ער זיך אונטערגענומען צו צאלן הונדערט דאלאר א חודש. אזוי האט זיך געגרינדעט די רענט קאמפיין!

**וויפיל יאר לויפט שוין די רענט קאמפיין?**

בערך דרייצן יאר צום גוטן, וואס מיר האבן שוין די זכי' אראפצונעמען די גרויסע עול פון רענט וואס איז געליגן ביז דאן אויפן ראש ישיבה'ס פלייצעס.



# אונזערע פיאנערן!

איינע פון די ערשטע זאכן וואס מיר האבן געטון איז געווען אז מיר האבן געבעטן פון דער ראש ישיבה אזוי ווי דער ראש ישיבה שרייבט דאך כסדר בריוון, איז אפשר קען יעדע רעסיט קומען מיט א בריוו, דער ראש ישיבה זאל צו שרייבן אפאר ווערטער, וכך הוה. און דאס גייט נאך אן ביז היינט!

אינטערעסאנט אנצומערקן א זייטיגע נקודה, אז די לעטערהעד פון דער ראש ישיבה האט ר' שבתי געמאכט פאר דער ראש ישיבה.

**זענען די הוצאות געשטיגן? אויב יא מיט וואס?**

די הוצאות נאר פונעם בנין הישיבה אליין גייט ארויף יעדעס יאר מיט פיר פראצענט, דאס מיינט אז אין יאר תש"ע האט רענט געקאסט צען טויזנט דאלאר א חודש, און היינט האלט שוין די רענט ביי פונקט דאפלט! צוואנציג טויזנט דאלאר א חודש!

חוץ פון דעם איז בית פיגא פאר א לאנגע תקופה געווען אין א צווייטע בנין וואס מיר פלעגן אויך באצאלן די רענט פאר יענעם בנין. שפעטער ווען די סקול איז אריבער צום בנין הישיבה האט דער ראש ישיבה אונז געבעטן מיר זאלן אויך צאלן די רענט פאר די שול אין בארא פארק.

מיט די צייט איז צוגעקומען די שול אין מאנסי אין סטעטן איילענד און אזוי אויך אין לינדען.

ווי אויך איז דא כסדר'דיגע פראיעקטן וואו די רענט קאמפיין העלפט ארויס מיט גרויסע סכומים, למשל די בנין אין אומאן, די שאטער הרחבת הדעת אין אומאן, ווי אויך געוויסע פראיעקטן אין שטעטל מיט וואס די רענט קאמפיין האט אסאך ארויסגעהאלפן.

**וועלכע זאכן צאלט אלס אויס די רענט קאמפיין?**

דאס איז זייער א גוטע שאלה... די רענט קאמפיין חוץ פון באצאלן די רענט פון די שולן דינט עס אויך ווי אן עמערדזשענסי קאסע פאר אלע צוועקן וואס קומען אונטער פאר דער ראש ישיבה און מ'דארף דריגנד האבן געלט.

**יעדער וואס עפנט אויף א שול היכל הקודש איז בארעכטיגט צו קומען בעטן געלט פון די רענט קאמפיין?**

בעטן קען יעדער... אבער דער ראש ישיבה איז מחליט פאר וועלכע שולן צו באצאלן די רענט און וועלכע שולן קענען זיך אליינס באצאלן.

**ווען איז עס טאקע געשען אז די רענט קאמפיין איז זיך צעוואקסן אינדרויסן פון די וויליאמסבורגער גרעניץ און אריינגענומען אינטער זיך אויך אנדערע שטעט?**

נאכדעם וואס די בית פיגא סקול איז אריבער צום סקילמען בנין איז געבליבן איבריג געלט אין די קאסע...

וואס למען האמת איז קיין איבריג געלט נישט געווען... דאס אז מיר האבן באוויזן צו קענען באצאלן די רענט פונעם בית פיגא איז געווען יעדע חודש מיט עקסטערע ניסים, און פון אנפאנג זענען מיר טאקע אריין אין חובות ביז מיר האבן זיך געקענט אוועקשטעלן.

אין יענע תקופה איז די שול אין בארא פארק געווען ביי הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א אינדערהיים. דעמאלט האט זיך רבי יצחק שליט"א געגרייט צו גיין וואוינען יבנאל האט זיך די בארא פארקער שול גענויטיגט אין א פרישע שול לאקאציע, און איז טאקע דעמאלט געגאנגען גלות ליידן פון איין פלאץ צום צווייטן. ביז דער ראש ישיבה האט אונז געבעטן מיר זאלן איבער נעמען די רענט פון די בארא פארקער שול און דעמאלט האט זיך די שול באזעצט אויף 48 העמילטאן לאקאציע.

דאס איז געווען די ערשטע פראיעקט אינדרויסן פון וויליאמסבורג וואס מיר האבן זיך אונטערגענומען.

**וואס זענען די חודש'ליכע קאסטן פון די רענט קאמפיין?**

די בודזשעט מידי חודש בחדשו איז פאר די רענט פון די שולן אין וויליאמסבורג, מאנסי, בארא פארק, סטעטן איילענד און לינדען, קומט



אויס אלעס צוזאמען צו די אסטראנאמישע סומע פון קרוב צו פערציג טויזנט דאלאר!

און פארשטייט זיך אז דאס איז חוץ פון די פולע אנדערע פראיעקטן וואס די רענט קאמפיין באצאלט אלס.

**איז עס א קאסע וואס דעקט זיך?**

ב"ה די רענט קאמפיין איז א קאסע וואס דעקט זיך אויף די חודש'ליכע בודזשעט, אבער אויף די פראיעקטן פון דער ראש ישיבה און פון די קהילה איז עס א מים שאין להם סוף, וויפל געלט עס קומט אריין אלץ מער וועט מען קענען צו שטעלן פאר אנשי שלומינו און פאר די קהילה נאך פראיעקטן און בנינים פאר אנ"ש מיט אייבערשטערנ'ס הילף.

**פארוואס דארף מען צו קומען צו כסדר'דיגע הילף אויב אלע חדשים ווערן שוין געדעקט דורך די פרנסי החודש?**

די פרנסי החודש דעקן נישט די סכום וואס די חודש קאסט אפ פאר די רענט קאמפיין, מיר געבן אוועק די זכות פרנס החודש פאר ביליגער אז אנשי שלומינו זאלן וועלן נעמען גרעסערע זכותים, אבער מיר מוזן צו קומען צו יעדעס ביסל שטיצע מעגליך זיך צו קענען דעקן.

**איז דא ווייטערע פלענער פאר די רענט קאמפיין צו אויסצושפרייטן צו אנדערע זאכן אויסער צאלן רענט פאר געוויסע בתי מדרשים?**

די רענט קאמפיין איז א קאסע וואס ווערט געפירט דורכ'ן ראש ישיבה, מיר זענען בלויז די פאנדרעיזערס, די פלענער און די צוקונפט איז עפעס וואס דער ראש ישיבה איז מחליט, עס גייט נישט דורך אונז...

אבער אויב קוקט מען אויף צוריק האבן מיר די לעצטע עטליכע יאר בייגעשטייערט גרויסע סכומים פאר די איינריכטונגען אין אומאן.

**אויב קומט מען אויף די פאנדרעיזינג היינט און מיט בערך פופצן יאר צוריק ווען די קאסע איז געגרינדעט געווארן - וואס קען מען זאגן איז היינט אנדערש?**

פופצן יאר צוריק זענען מיר געווען די איינציגסטער פאנדרעיזער קאמפיין אין די



**מו"ה שבתי מארקוס הי"ו - גבאי 'רענט קאמפיין' איז מתפלל פאר אלע תומכים אין קערעסטיר אינעם טאג פונעם יארצייט - ה' תזריע מצורע תשפ"ה**








**די ערשטע מלוה מלכה**

# אונזערע פיאנערן!













קהילה. דעמאלט זענען מיר אויפגעקומען מיט די געדאנק פון גיין נאך געלט נאכן שיעור פון דער ראש ישיבה, אזוי ווי דער ראש ישיבה פלעגט דעמאלט אסאך ארומפארן צו געבן שיעורים האן מיר זיך מיטגעכאפט און געמאכט אזעלכע קליינע אפיל'ס.

הײנט זענען מיר זײער פאקוסירט אויף די קלענערע סכומים, אונזער עיקר הכנסה איז פון די קלענערע סכומים פון מערערע מענטשן, משא"כ ווען מיר האבן אנגעהויבן האבן מיר מער פאקוסירט אויף ווייניגער מענטשן וואס זאלן געבן גרעסערע סכומים.

**מ'זעט אין אומאן אז די באס פונעם בנין צום ציון ווערט געצאלט דורכ'ן רענט קאמפיין, וואו קומט אריין די אומאן באס צו די רענט קאמפיין? מה ענין שמיטה אצל הר סיני?**

די אמת?! איך בין פון נאטור אויס אביסל א פוילער... און איך האב נישט קיין כח זיך צו שלעפן דעם לאנגן וועג פון א האלבע שעה ביז צום ציון יעדן טאג, האבן מיר אנגעהויבן זען וואס מיר קענען טון צו פארגרינגערן פאר אלע אנ"ש און צושטעלן א וועג.

אנגעהויבן האט זיך עס מיט איין ווען מו"ה אהרן פיש הי"ו האט געטראפן דעם דרייווער מיטן ווען און מו"ה אלי קנאלל הי"ו און מו"ה משולם פינטער הי"ו פון נסיעה טרעוול קאמפאני האבן באצאלט די קאסטן פון דעם.

מיט די יארן איז זיך עס צעוואקסן אז היינט האלט עס שוין אז יעדע פופצן מינוט פארט ארויס א שאטל צום ציון.

**ווען די קאסע איז געגרינדעט געווארן איז עס געווען די איינציגסטער פאנדרעיזינג אפאראט אין די קהילה, ווי אזוי בליעט ווייטער די קאסע היינט ווען די קהילה איז זיך שוין אזוי שטארק צעוואקסן ב"ה און עס זענען דא היינט אזוי פיל נייע קאסעס און פאנדרעיזערס?**



**דער עולם ביים אויפטוישן געלט ביים רענט קאמפיין טיש לכבוד פורים אין וויליאמסבורג**



**דער ראש ישיבה ביים פארליינען א קוויטל פון די נדבנים פארן "רענט קאמפיין" ביי קבר רחל - ה שמיני תשפ"ב**

ב"ה דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן אז מיר זענען נושא חן ביי אנ"ש, מיר דריקן קיינמאל קיינעם נישט צום וואנט, מיר בעטן שיין און דער עולם רופט זיך ווארעם אן.

אויך לייגן מיר אריין אסאך כח און מח אין הכרת הטוב, מאכנדיג יעדעס יאר א שיינע



**אנשי שלומינו געבן צדקה פארן רענט קאמפיין נאכן מלוה מלכה - מוצש"ק חקת תשפ"ה**



מסיבת הכרת הטוב וואו מיר פארטיילן שיינע מתנות פאר אלע באטייליגטע און גאר אייגנארטיגע מתנות פאר אלע נדיבים.

ועל כולם איז דא די זאך פון תפילה וואס דער ראש ישיבה לייגט אריין אין אונז כסדר, מיר בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן אז מיר זאלן נושא חן זיין בייַ אנשי שלומינו און אז אנשי שלומינו זאלן מצליח זיין אין זייערע פרנסה צו קענען ווייטער געבן שיינע סכומים.

**פארוואס טאקע האלט מען נאך די בנין אין סקילמען וואו רעגט קאסט אזוי טייער און ס'איז נישט געבליבן גענוג משפחות מ'זאל דארפן אזא גרויסע שול?**

די סיבה פארוואס מ'האלט דעם בנין און מ'פארמאכט עס נישט, ווייס איך נישט ס'האט גארנישט מיט מיר... אבער איך קען אביסל פארשטיין געבן פארוואס ס'לוינט און ס'איז גאר ביליג צו האלטן אזא בנין.

די בנין דינט פאר א בית המדרש, א חדר, א מיידל שולע, און פאר די ישיבה צו קווארטירן די אלע מוסדות און באזונדערע בנינים וואלט געמיינט צאלן שווערע געלטער יעדן חודש אסאך מער ווי די יעצטיגע רענט.

ועל כולם איז דא די חתונות אין ישיבה וואס האט שוין געשפארט מיליאנען דאלארן פאר אנשי שלומינו. פאריגע וואך איז פארגעקומען די 101 סטע חתונה אין ישיבה!!!

**אזוי ווי דו ביסט דאך אויך די גבאי אויף די קרן הבנין קאסע, שפירסט נישט אז מענטשן וואס געבן גרויסע סכומים פאר די קרן הבנין וועלן צוליב דעם אויפהערן געבן פאר די רענט?**

די כלל אז ווער ס'געבט געבט נאך... דער רבי בלייבט נישט שולדיג פאר קיינעם, אז מ'געבט גרויסע סכומים באקומט מען צוריק כפלי כפלים צו קענען געבן נאכדעם נאכמער - בדוק ומנוסה!

ווער ס'האט א געפיל געבט און געבט און וועט ווייטער געבן!

**אלס א וועטעראן פאנדרעיזער וואס האט שוין געזען אלע סארט מענטשן אין אלע סארט מצבים וואס שאצטו איז די ריכטיגע מאס וואס אן רעגלמעסיגע אינגערמאן זאל געבן מעשר? חומש? נאכמער? קען א מענטש זאגן איך האב שוין געגעבן מיין מעשר פאר איין קאסע איך דארף שוין נישט געבן נאך, אדער מ'זאל געבן פאר יעדע קאסע?**

ריכטיג איז צו געבן פאר יעדן איינעם. א מענטש דארף געבן סיי מעשר און סיי צדקה, און דער וואס געבט חומש זעט אוודאי געוואלדיגע ברכות!

אויב יעדער געבט זייערע מעשר צו העלפן בויען דעם רבינ'ס מוסדות, וועלן זיך אלע קאסעס קענען דעקן לכאורה... אבער צו קענען בויען דאס וואס דער ראש ישיבה האט אין פלאן פאר די קהילה, דארפן מיר צו קומען צו אנ"ש וואס זענען גרייט צו געבן יותר מכפי יכולתם.

**וואס איז די ריכטיגע וועג צו קאנפראנטירן א מענטש אים צו בעטן פאר געלט?**

רעדן שיין און אים בעטן נאכאמאל און נאכאמאל כסדר, נאכגיין אלע הבטחות, און געבן א גוטע געפיל פאר די געבער, נישט קיין חילוק וואס פארא סכום ער געבט.

מ'דארף צושטייט בויען א קשר מיטן מענטש, אזוי צושטאטלעך און צוביסלעך מיט סבלנות ארויפגיין מיט די סכומים. פון אונזערע עקספיריענס האב איך געזען אז די וועג פון כאפן הייסע לאקשן האט זיך קיינמאל נישט גוט געענדיגט.

**וויפיל געלט האט שוין די רענט קאמפיין פאנדרעיזד זייט איר גרינדונג?**

די רענט קאמפיין אליינס האט געפאנדרעיזט שוין איבער פיר מיליאן, דאס איז חוץ פון אנדערע פראיעקטן וואס מיר האבן ארויסגעהאלפן שאפן געלט.

**ווי אזוי איז געשען די טויש ביי מענטשן אין קאפ אז מיט קוים עטליכע יאר צוריק איז צוועלף הונדערט דאלאר געווען א שיינע נתינה, און היינט פופציג טויזנט איז געווארן די נייע נארמאל?**

דאס איז זיכער אז די וועג פון דער ראש ישיבה אז אלעס איז אפענע ביכער האט געעפנט די קאפ פאר מענטשן צו קענען זען אז מ'קען זיך איבערשטרענגן מיט גרעסערע נתינות.

ווי אויך האט די זאך פון טשערעדי קאמפיינס געמאכט א גרויסע רוח פון געבן אסאך געלט.

אין די יאר פון קאוויד איז אריינגעקומען איבער דרייסיג פראצענט מער ווי פון א יאר פריער, מענטשן האבן דעמאלט געהאט מער געלט אבער ב"ה עס איז זייט דעמאלט נאר ארויף.

**צום שלוס, די רענט קאמפיין איז שטארק באקאנט מיט אירע אייגנארטיגע מתנות, יעדעס יאר עקסטער איז דא עפעס א פרישע געדאנק. איז געווען איינע פון די יארן וואס דו האסט אמאל געוואלט געבן עפעס א מתנה און ס'האט זיך למעשה נישט אויסגעארבעט?**

אסאך געדאנקן האב איך געהאט וואס האבן זיך נישט אויסגעארבעט, אויף א חלק האפן מיר אז ס'זאל זיך נאך יא אויסארבעטן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

איין אינטערעסאנטע מעשה האבן מיר געהאט אז איין יאר האבן מיר געטיילט א קליינע ליקוטי מוהר"ן אין א שיינע האלטער, די מסיבה איז געווען מוצאי שבת און יענע פרייטאג איז די קאמפאני עס געקומען דעליווערן פון ארץ ישראל, אבער קיינער איז נישט געווען דעמאלט צו עפענען דעם טיר.

די קאמפאני האט עס צוריקגעטראגן צו זיך, און די מסיבה איז זייער שיין געווען, אבער קיין מתנות זענען נישט געווען.

זונטאג האבן מיר זיך פארבינדן מיטן קאמפאני, און זיי האבן עס דעליווערד, אבער צו אונזער אנטוישונג איז עס געקומען פון א קאמפאני פון ארץ ישראל וואס האט פארדרייט אלע נעמען צו העברעיש, למשל אנשטאט שווארץ איז געשטאנען שחור... און אנשטאט פיש איז געשטאנען דג... און אזוי ווייטער.

**א גרויסן יישר כח טייערע גבאים פארן אוועקגעבן פון אייערע טייערע צייט פאר די ליינער פונעם קרית ברסלב בלעטל, דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין און ווייטער קענען העלפן דעם רבי'ן אייער גאנץ לעבן!**

**אמן!**

# טייל מתנות דורך די יארן



















ועתה כתבו לכם

כת...
ספ...
תו...
לז...
רב...
נח...
בן...

על ידי
אנשי
שלומינו

## זכות פרשה מיוחדת $3600

| | | |
|---|---|---|
| **וירא**<br>עקידה<br> | **תולדות**<br>ברכת יצחק<br>הרוצה<br>בעילום שמו | **ויחי**<br>ברכת יעקב<br>מו"ה יחזקאל<br>זיגלער הי"ו |
| **בשלח**<br>שירת הים \| פרשת המן<br>מו"ה יוסף<br>פריעדמאן הי"ו | **יתרו**<br>עשרת הדברות<br> | **כי תשא**<br>פרשת הקטורת<br> |

## זכות פרשה $1800

| | |
|---|---|
| **בראשית**<br>מו"ה העניך אינדיג הי"ו | **וארא**<br>מו"ה משה יחיאל<br>פעלדמאן הי"ו |
| **נח**<br>מו"ה ישראל דוד<br>העסקעל הי"ו | **בא**<br>מו"ה אברהם צבי<br>וועבערמאן הי"ו |
| **לך לך**<br>מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו | **משפטים**<br>מו"ה מרדכי היימליך הי"ו |
| **חיי שרה**<br>מו"ה מרדכי אהרן<br>היילפרין הי"ו | **תרומה**<br>מו"ה אשר לעמיל<br>זוסמאן הי"ו |
| **ויצא**<br>מו"ה יצחק אייזיק<br>קאהן הי"ו | **תצוה**<br>מו"ה יואל אפענהיים הי"ו |
| **וישלח**<br>מו"ה אברהם דוד<br>לאקס הי"ו | **ויקהל**<br> |
| **וישב**<br>מו"ה יעקב<br>ראטטענבערג הי"ו | **פקודי**<br>מו"ה הערשי זאבעל הי"ו |
| **מקץ**<br> | **ויקרא**<br>מו"ה נחמן שמואל<br>יאקאבאוויטש הי"ו |
| **ויגש**<br>מו"ה יהודה פעלדמאן הי"ו | **צו**<br>מו"ה דוד פוקס הי"ו |
| **שמות**<br>מו"ה דוד טשינגל הי"ו | **שמיני**<br>מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו |
| | **תזריע**<br>מו"ה זאב<br>סטרולאוויטש הי"ו |

## זכות ידיעה $1000

| | |
|---|---|
| מו"ה שמעון עוזר<br>מיטטעלמאן הי"ו | מו"ה שבתי<br>מזרחי הי"ו |
| מו"ה משה<br>ווייס הי"ו | מו"ה יוסף<br>ווייס הי"ו |
| מו"ה אליהו<br>זעלקאוויטש הי"ו | מו"ה שמואל<br>גליקמאן הי"ו |
| מו"ה שמעון<br>אביש הי"ו | מו"ה שלמה<br>האממער הי"ו |
| מו"ה מרדכי<br>גפן הי"ו | מו"ה משה<br>האממער הי"ו |
| מו"ה שמואל מרדכי<br>שטערן הי"ו | |

## זכות ספ...

בראשית
מו"ה של...
גלאנדש...

שמ...

ויק...
מו"ה א...
שמן...

במ...

דב...
מו"ה ...
אונגא...

צו קויפן א זכות רו...

...את השירה הזאת

תלמידי
היכל
הקודש

# זכות פרשה מיוחדת $3600

| בחוקותי<br>ברכת פרנסה | נשא<br>ברכת כהנים | ואתחנן<br>עשרת הדברות |
|---|---|---|
| מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו | מו"ה משה גאטליב הי"ו | |

| עקב<br>פרשת היראה | האזינו<br>שירת האזינו | וזאת הברכה<br>ברכת משה רבינו |
|---|---|---|
| | מו"ה מרדכי יודא לעווין הי"ו | מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו<br>לע"נ מוה"ר חיים זאנוויל בן ר' משה |

# זכות פרשה $1800

| פרשה | נודב | פרשה | נודב |
|---|---|---|---|
| מצורע | מו"ה יודא ליבערמאן הי"ו | פנחס | מו"ה יוסף פעלדמאן הי"ו |
| אחרי | מו"ה שמעון איינהארן הי"ו | מטות | מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו |
| קדושים | מו"ה אלי' מזרחי הי"ו | מסעי | מו"ה נחמן יהושע איינהארן הי"ו |
| אמור | מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו | דברים | מו"ה יוסף זינגער הי"ו |
| בהר | מו"ה משה לייב ניימאן הי"ו | ראה | |
| במדבר | מו"ה גדלי' אפפעל הי"ו | שופטים | |
| בהעלותך | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו | כי תצא | מו"ה יעקב שאול פיש הי"ו |
| שלח | מו"ה בנציון ברוין הי"ו | כי תבוא | מו"ה אלי' קנאלל הי"ו |
| קרח | מו"ה יקותיאל יודא אפפעל הי"ו | נצבים | מו"ה זלמן לייב מייעלס הי"ו |
| חוקת | מו"ה יודא ארי' ראטה הי"ו | וילך | מו"ה שמעון פיש הי"ו<br>מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו |
| בלק | | | |

# זכות עמוד $500

| | |
|---|---|
| מו"ה אלעזר צבי שניטצלער הי"ו | מו"ה יואל משה פליישמאן הי"ו |
| מו"ה נפתלי בוים הי"ו | מו"ה שמואל בער שניטצלער הי"ו |
| מו"ה הלל ווייס הי"ו | מו"ה נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו |
| מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו | מו"ה דוד אסקאל הי"ו |
| מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו | מו"ה אלי' ציג הי"ו |
| מו"ה שמואל ווייס הי"ו | מו"ה שמעון רוטה הי"ו |
| מו"ה יצחק אייזיק ראזאנבוים הי"ו | מו"ה שלמה רוטה הי"ו |
| מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו | מו"ה משה איינהארן הי"ו |
| מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו | מו"ה שלמה טוסיג הי"ו |
| מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו | מו"ה יעקב לעזער הי"ו |
| מו"ה שמעון פארטיגאל הי"ו | מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג הי"ו |
| מו"ה אברהם חיים וויזל הי"ו | מו"ה ישראל סאמעט הי"ו |
| מו"ה אלי' פערל הי"ו | מו"ה שמואל דוד ברוין הי"ו |
| מו"ה ישראל הערשקאוויטש הי"ו | מו"ה שמעון ראבינאוויטש הי"ו |
| מו"ה אברהם אייזנער הי"ו | מו"ה נחמי' דייטש הי"ו |
| מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו | מו"ה אהרן יוסף קליין הי"ו |
| מו"ה אברהם שמעון קויפמאן הי"ו | מו"ה ברוך יאקאבאוויטש הי"ו |
| מו"ה אברהם חיים קלאגסברוין הי"ו | מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו |
| מו"ה אייזיק ראטה הי"ו | |

$5000 ...ד

...שית

...למה זלמן
...טיין הי"ו

...מות

...זרא

...אליעזר
...ה"ו

...דבר

...רים

...בני'הו
...ר הי"ו

845-295-1500 ...פט

# געדאנקען

# דארף מען א בעקיטשע?

איז וואס איז טאקע די זאך מיט די בעקיטשע?

דארף מען א בעקיטשע?

דארף מען נישט א בעקיטשע?

ברויך מען זיצן שבת ביים טיש מיט א בעקיטשע?

טאר מען זיצן שבת ביים טיש מיט א בלויזן העמעדל?

און וואס איז מיט א צען יעריג מיידל לגבי ארומטשילן אויף די גאס מיט די האווערבאורד?

און אז מען רעדט שוין וועגן די מיידל, ווילאנג זאל זיין איר האר?

און זאל מיין בחור האבן א (לעגאלע - נישט אונטערערדישע) סעל?

און זאל מיין צען יעריג אינגל האבן א מיוזיקל דיווייס?

און וועלכע קאפל קויף איך ביים אפשערן? שווארץ? רויט? פוירפל? מיט גליטער? אן גליטער? מיט די זיסע נאמען יענקי אין גרויס? אדער פלעין יעקב? אדער אן א נאמען?



און אויב א שווארצע קאפל, וויפל סלייס? פיר סלייס? זעקס סלייס? ווי הארט? ווי ווייך?

די בעקיטשע מיט די האווער-בארד מיט די פיר סלייס קאפל איז די גרינגערע זאך.

די הארבערע זאך איז צו דו גייסט אין א גראדע ליניע? אדער דו לעבסט די זיג-זאג לעבן?

די גייסט אויף א גלייכע וועג? אדער דו גייסט "ראביי-שאפינג"? יעדן טאג טרעפט מען א אנדערן רב וואס איז מתיר א אנדערע זאך. ביז איין טאג טרינקט ער נעבעך מילך פון א גוי ווייל איינער אן אפיקורס מיט א בעקיטשע וואס לאכט פון רבנים גייט ארום זאגן אויף איינער פון די גדולי ישראל אז דו מעגסט טרינקען מילך פון א גוי כאלו אויף א היתר פון יענעם גדול זכותו יגן עלינו (השם ישמרינו פון אזא בעקיטשע-אפיקורס).

האסט אמאל געעפנט די ספר פון יענעם גדול? האסט געגומען יענעם גדול פאר דיין מורה דרך? און וואס האלט יענער גדול אויף דיין שיינעם גרויסן גילוי עריות טעלעפאון? און וואס האלט יענער גדול אויף דיין דאווענען אום דרייע אין אפיס ביים כותל? און וואס האלט יענער גדול אוף דיינע קרעדיט קארד גניבות?

וואס איז פשט פון די חוצפה פון לעבן ווי א וואגאבונד און זיך אנהענגען אין צדיקי עולם וואס דו האסט אין דיין קאפ ווייניגער ווי זיי האבן געהאט אין די נעגל פון די פיס?!

און בכלל ווער האט דיך אויסגעלערנט די שיינע ניגון אז די הכשר פון א רב אן א בארד איז זיכער א בעסערע הכשר ווי א רב מיט א בארד "ווייל זיי זענען שטערקער אויף זייערע פרינציפן"?! פון וועלכע בעקיטשע לץ האסטו געהערט די "קראנטע" אינפארמאציע?

און די מעשה מיט די בעקיטשע איז אזוי. בעקיטשע ארויף בעקיטשע אראפ, די וויכטיגערע שאלה איז צו א מענטש האט א

**משה אריה שניצלער**

מורה דרך וואס איז אים מחייב. וואויל איז א מענטש וואס לערנט זיך אויס צו לעבן מיט א רב, מיט א מורה דרך, איך נעם א ליניע אין לעבן, און בייג זיך נישט פון מיין ליניע פאר כל הון דעלמא, זאל די גאנצע וועלט לאכן פון מיר, זאל די גאנצע וועלט שרייען יאנטשי פאנטשי קראנטשי.

ענדערש זיבעציג יאר יאנטשי און געבן פאר די קינדער א וועג אין לעבן ווי צו קעקעצן און מעקעצן ווען די קינד פרעגט מיך ווי אזוי איז אונזער מנהג מיט דאס און יענס.

עס איז בעל כרחו אז א טאטע וואס האט נישט א גראדע אומ'זיגזאג'דיגע וועג אין לעבן זאל נישט פילן אומבאקוועם ווען די קינד קארנערט אים אז עפעס שטימט נישט אין אונזער שטוב מיט די כמו פרינציפן.

עס איז זייער א ביטערערע טעם ווען די קינדער פרעגן פארוואס גייט טאטי מיט אזא הוט און זיידי מיט אזא הוט. עס איז זייער קאלעמוטנע אויפן הארצן ווען די קליינע מיידלעך שטעלן צו מאמי'ס שייטל צו באבי'ס שייטל. די פנים ווערט רויט פאר בושה ווען די קינד זעט טאטי טרינקען באהאלטענערהייט א געטראנק וואס דער זיבעצן יעריגער בחור טאר נישט האבן (#שידוכים #סטעידזש-לעבן #ליגנט-לעבן #לערן אויס דיין קינד צו לעבן מיט בלאף).

אויב דו ווערסט נישט זיך אונטער ווארפן אונטער "איין" מורה דרך, אויב דו ווערסט נישט נעמען "איין" תורה'דיגע וועג ויקוב הדין את ההר, וועסטו בעל כרחו זיך אנשטויסן אין פראבלעמען, וועסטו אנהייבן שטאמלען ווען דיין קינד SOONER OR LATER וועט דיך פרעגן ווי אזוי פירט מען זיך ביי אונז לגבי דאס און יענס.

לגבי די שאלה צו דו זאלסט נעמען א מורה דרך וואס לעבט, אדער זיך אנהענגען אין א צדיק וואס איז שוין נישט בעלמא הדין, וואס איז שוין לאחר הסתלקותו, מען דארף נישט זיין א גרויסער פקח צו ענטפערן אויף דעם, גיי נאך די שורש הדברים, אויב לעבסטו ווי א הפקר מענטש ווייל דו כאפסט דיך אן אין א צדיק וואס רוהט אין לעכטיגן גן עדן, איז, וועמען פאפסטו?

אויב ווילסטו מיך איינרעדן אז פאר'ן קויפן דיין טעלעפאן כאפט דיר א פחד פון דעם צדיק וואס איז שוין הלך לעולמו, איז, שלאף ווייטער. אויב ווילסטו מיר דערציילן אז דיין קרעדיט קארד גניבות איז לפי רוחו פון די צדיק וואס דו פאררופסט זיך על שמו, איז, ביי מיר האסטו גע'פועל'ט.

עס גייט ארום א מעשה מיט איינס פון די גדולי הרבנים, כ'האב עס געהערט פון א משפחה פון דעם רב זכותו יגן עלינו, אז ס'איז געקומען צו אים א איד שפעט נאך די שקיעה צו ער קען נאך יעצט לייגן תפלין, האט אים דער רב געזאגט אז ער זאל שוין לייגן תפלין און דערנאך וויל ער רעדן מיט אים, האט אים דער רב דערנאך געזאגט אז פון איין זייט איז טאקע דא א שיטה להיתר אז ס'איז נאך טאג יעצט, און טאקע פון איין זייט זאל ער טראכטן אז ער האט יא געלייגט תפלין היינט, אבער פון די אנדערע זייט דארף ער איבערשמועסן די פאסירונג מיט זיין מורה דרך, לגבי לייגן תפלין נאך שקיעה, אפשר וועט ער אים געבן א תשובה אויף דעם מכשול, זאגט דער אינגערמאן אז ער האט נישט קיין מורה דרך, דא איז שוין דער רב געווארן זייער ברוגז! א אינגערמאן אן א מורה דרך?! שומו שמים! א הפקר לעבן!

די מעשה גייט ארום צווישן דעם עולם לגבי לייגן תפלין נאך שקיעה, אבער איך האב דאס געהערט פון די משפחה אויף סאך ערגערס, נאר איך וויל עס נישט שרייבן דא מחמת א סיבה, מען קען עס הערן ביי די דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א דעם היי יאריגן הושענא רבא, דער ראש ישיבה שליט"א זאגט דארט די נאמען פון דעם רב, און דערציילט דארט די מעשה אויף א שוידערליכן אופן, ווי ווייט דער רב האט מחמיר געווען אז דאס לעבן אן א מורה דרך קען אראפ פירן א מענטש ערגער ווי די הארבסטע הארבסטע עבירות.

איינער האט געפרעגט זיין חבר א ברסלב'ער חסיד צו "מען מעג" עסן די שבת'דיגע סעודה אן א בעקיטשע.

האט זיין חבר געענטפערט, נישט אלץ איז די ריכטיגע שאלה צו "מען מעג". די ריכטיגע וועג צו קוקן ארבעט אזוי: אויב טאטי וועט טון אזוי און אזוי, וואס וועלן טון די קינדער אין צען יאר פון יעצט?

אויב טאטי לייגט אין די זייט די גאנצע שבת צופרי סעודה ווייל זיין נאנטע נאנטע חבר האט געמאכט א קידוש מיט גאלע און דזשערקי, וואס וועט שוין זיין מיט די קינדער אין עטליכע יאר?

איז, וואס טוט מען? זאל איך נישט גיין צו קדישים?

פרעג דיין רב.

האסט נאכנישט געטראפן א רב? בעט דעם באשעפער יעדן טאג: "הייליגער באשעפער ווייז מיר א וועג אין לעבן, הייליגער באשעפער ברענג מיך צו א ערליכן איד וואס דערמאנט מיך צו לעבן פאר'ן איבערשטן, פאר די תורה, צו זיין א קנעכט פאר'ן אייבערשטן".



# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִּיק

אהרן קליטניק

## יָא דָאקְטֶער, נִישְׁט דָאקְטֶער!

אִין שְׁטָאט אוּמַאן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט צְוֵויי גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי מַתִּתְיָ' זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אָן אוֹיפְהֶער. עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, בִּפְרַט טוּר בֵּית יוֹסֵף, אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָואס אוֹיף דֶעם הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעהָארֶעוֶועט.

עֶר הָאט אַסַאךְ מָאל מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פִיר חֲלָקִים פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מָגֵן אַבְרָהָם, אוּן ט"ז. עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וואוּ מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט הָאט עֶר גֶעוואוּסְט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי מַתִּתְיָ' בַּאקוּמֶען גָאר שְׁטַארְקֶע צֵיין וֵוייטָאג. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטֶער וָואס הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי צֵיין.



פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶער גָאר גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּרְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ מְיוּשֵׁב'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר פְלֶעגְט קֶענֶען זִיצְן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן לַאנְגֶע לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר אַסַאךְ יָארְן פָארְגֶעלֶערְנְט אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן צְוִוישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אוּן אוֹיךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶערְן זַיינֶע דִיבּוּרִים.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס צֵיין זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער דָארְט וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מַיין צֵיין וֵוייטָאג זָאל אַוֶועקְגֵיין עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, וֵויי אוֹי הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֵייל מִיר אוֹיס, שִׁיק מִיר אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה". צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ יְשׁוּעָה זַיין צֵיין אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אֵיינְמָאל בַּיי אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט דִי פְּשַׁט פוּן זֵייעֶר צוּגַאנְג צוּ אַ וֵוייטָאג וָואס מֶען הָאט. רֶבִּי מַתִּתְיָ' ז"ל הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ דִי תּוֹרָה, עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי וֶוען אִיךְ בִּין מְבַטֵל צַייט, אוּן אַז מַיין צֵיין הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט לָאמִיר גֵיין צוּם דָאקְטֶער עֶר זָאל מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען דִי צֵיין, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען, וַוייל אַז אִיךְ זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ רְפוּאָה אוּן אִין דִי צַייט וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען, אִיז עֶס נִישְׁט מִיר וֶוערְד, הָאבּ אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי צֵיין אוּן דִי וֵוייטָאג אִיז אַוֶועק".

ווִידֶערְאוּם רֶבִּי שִׁמְעוֹן ז"ל הָאט גֶעעֶנְפֶערְט: "הֶערְט זִיךְ צוּ, מֶען דַארְף אוֹיף אַלֶעס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מַיין צֵיין טוּט וֵויי, ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל מִתְפַּלֵל זַיין דֶערוֹיף בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן ז"ל אִיז אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן יָא גֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטֶער, נוּ אִיז וָואס אִיז פְּשַׁט דֶערְפוּן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער אָדֶער דַארְף מֶען נִישְׁט גֵיין? בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אַלֵיין זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא גֶעווִיסֶע פֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּם דָאקְטֶער, אוּן אֲפִילוּ זִיךְ שְׁלֶעפְּן אִין שְׁוֶוערֶע וֶועטֶערְס וֶוען עֶס שְׁנֵייט אָדֶער עֶס רֶעגְנְט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער.

אִיז אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁקּוּל הַדַעַת. פַארְדֶעם דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם חָכָם אוּן פְרֶעגְן וָואס מֶען זָאל טוּן אִין יֶעדְן פַאל, דֶער חָכָם וֶועט דִיר זָאגְן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן מַצָּב.

(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך רפואה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קל"ח

### פּאַרזעצונג פון פריער:

מאָנטאָג, ה' תִּשְׁרֵי, אינמיטן טאָג, איז דער רֶבִּי אַרויסגעקומען פון זיין צימער צום בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וואו עס זענען דעמאָלט געזעסן עטליכע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דער רֶבִּי האָט זיך צוגעזעצט צו זיי און אָנגעהויבן שמועסן מיט זיי. אינצווישן האָט ער אָנגעהויבן רעדן פון גַּן עֵדֶן און גֵיהִנוֹם, אַז דער גַּן עֵדֶן און גֵיהִנוֹם געפינען זיך אויף די וועלט, און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן שמועסן פון איין זאַך צום צווייטן, ביז ער האָט געזאָגט די תּוֹרָה "חוֹתָם בְּתוֹךְ חוֹתָם" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ב).

די תּוֹרָה זאָגן האָט זיך געצויגן פאַר אומגעפער פיר שָׁעָה.

אין די תּוֹרָה זאָגט דער רֶבִּי אַז עס זענען דאָ מענטשן וואס זענען אַ בְּחִינָה פון "בָּשָׂר - פְלֵייש", און אַנדערע זענען אַ בְּחִינָה פון "עֶצֶם - בֵּיין", ווען די מענטשן וואס זענען ווי פלייש הערן דעם קול פונעם צַדִּיק ווי ער זאָגט תּוֹרָה, זענען די רייד פונעם צַדִּיק זיי מְעוֹרֵר און ברענגט זיי צוריק צום אייבערשטן, אָבער די אַנדערע סאָרט מענטשן, וואס זענען נעבעך אַראָפּגעפאַלן און זענען ווי אַ בֵּיין, זיי הערן נישט דעם קול פונעם צַדִּיק, און אַפִילוּ ווען זיי הערן יאָ דעם קול, כאַפּן זיי נאָר אויף דעם "קוֹל הֲבָרָה", דעם ווידערקול, און זיי כאַפּן נישט קיין הִתְעוֹרְרוּת דערפון.

די זעלבע איז מיט'ן מענטש אַליין, חֲזַ"ל זאָגן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "אֲנָחָה שׁוֹבֶרֶת גּוּפוֹ שֶׁל אָדָם", אַ קרעכץ צעברעכט דעם גוף פונעם מענטש, דאָס הייסט עס צעברעכט די עַזוּת און שלעכטקייט פונעם גוף, און די זעלבע איז מיט אַלע הייליגע קוֹלוֹת, ווען אַ איד שרייט צום אייבערשטן, ער קרעכצט זיך אויס, ער הערט דעם קול פונעם שׁוֹפָר, אַ קול פון זינגען, די אַלע הייליגע קוֹלוֹת זענען עַזוּת דִקְדוּשָּׁה, און דאָס צעברעכט די שלעכטע עַזוּת פונעם גוף, און אַזוי קען מען דערנענטערט ווערן צום אייבערשטן. דער פּראָבלעם איז אָבער אַז דאָס אַלעס איז נאָר גוט ווען דער מענטש האָט אַ פליישיגע הַאַרְץ, דעמאָלט קען דער מענטש דערהערן די אַלע הייליגע קוֹלוֹת און דאָס קען אים אויפהויבן צום אייבערשטן, אָבער וועט דער מענטש איז פאַרהאַרטעוועט, ער איז ווי אַ בֵּיין, דעמאָלט הערט ער נישט בִּכְלַל די אַלע גוטע קוֹלוֹת, ער הערט נאָר דעם ווידערקול, און עס העלפט אים נישט.

דער הייליגער רֶבִּי טייטשט דאָס אַריין אין די רייד פון חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כ"ז:) "הַתּוֹקֵעַ לְתוֹךְ הַבּוֹר", איינער בלאָזט שׁוֹפָר אין אַ גרוב, "אִם קוֹל שׁוֹפָר שָׁמַע, יָצָא", אויב האָט ער געהערט דעם קול פונעם שׁוֹפָר, האָט ער יוֹצֵא געווען, "וְאִם קוֹל הֲבָרָה שָׁמַע, לֹא יָצָא", און אויב האָט ער געהערט נאָר די ווידערקול פונעם שׁוֹפָר, האָט ער נישט יוֹצֵא געווען. דאָס איז מְרַמֵּז אויף ווען אַ מענטש ליגט טיף אין דער ערד, ווי דער פָּסוּק זאָגט (תְּהִלִּים פ"ח, ז') "שַׁתַּנִי בְּבוֹר תַּחְתִּיּוֹת", און דער מענטש קרעכצט אויף דעם, ער בלאָזט אויף דעם, עס טוט אים וויי, דעמאָלט ווענדט זיך וואס דער מענטש הערט, אויב איז ער אַ מענטש פון פלייש, דעמאָלט הערט ער דעם קול שׁוֹפָר, "יָצָא", קען ער מיט דעם אַרויסגיין פון זיין שלעכטס, אויב אָבער איז ער אַ מענטש פון בֵּיין, וואס הערט נאָר דעם קול הֲבָרָה, דעם ווידערקול, "לֹא יָצָא", העלפט עס אים נישט אַרויסצוגיין פון זיינע שלעכטע מַעֲשִׂים.

נאָכדעם וואס דער רֶבִּי האָט דאָס געזאָגט, ווי מען קען דאָס זען אינעווייניג געדרוקט אין די תּוֹרָה, האָט דער רֶבִּי צוגעלייגט אַז עס איז לִכְאוֹרָה דאָ אַ קַשְׁיָא אויף דעם פְּשַׁט, אַז דער רֶבִּי האָט דאָך אָנגעהויבן אַז די מענטשן וואס זענען נישט ווי פלייש, פאַר זיי איז נישט מעגליך צו הערן די הייליגע קוֹלוֹת, זיי הערן נאָר דעם ווידערקול און זיי ווערן נישט נִתְעוֹרֵר פון דעם, אָבער ווען מען קוקט אַריין אין די מִשְׁנָה האָט דאָך דער רֶבִּי עס אויסגעטייטשט אַז מען רעדט דאָ פון איינעם וואס איז אַראָפּגעפאַלן אין גרוב אַריין, ער איז ווייט פונעם אייבערשטן, און פון דעסט וועגן געבט די מִשְׁנָה צוויי אויסוואַלן, אויב יענער האָט יאָ אָדער נישט געהערט דעם קול שׁוֹפָר, מען האָט דאָך געשמועסט אַז אַזאַ מענטש קען נישט הערן דעם קול שׁוֹפָר, ער הערט אַלץ נאָר דעם ווידערקול, ווי אַזוי קען דער מענטש אינעם גרוב הערן דעם קול שׁוֹפָר?

דער רֶבִּי האָט נישט געענטפערט די קַשְׁיָא, ער האָט נאָר געשמועסט פון דעם, און געזאָגט אַז מען פאַרשטייט דאָך סיי ווי נישט דעם גאַנצן עִנְיָן אַזוי גוט.

וואס האָט ווייטער פּאַסירט?
ליינט קומענדיגע וואָך אי"ה

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™

REQUEST MALE OR FEMALE (UPON AVAILABILITY)



Viruses are going around.

So is the doctor's office.



TMMC MOBILE CARE TRAINED MEDICAL

718.208.2030

Medease CARE AT HOME

STREP CULTURES | FLU, COVID & RSV TESTING | FULL RESPIRATORY PANEL | EAR CHECKS
URINE CULTURES | BLOODWORK | RASHES & PINK EYE | SEASONAL ALLERGIES



פאר די ברסלב'ע שטוב

# די פייגל האקט ביים פענסטער

ש. טראכטער

**דער טעם פונעם תם**

ש. ל. פליישמאן

**דער ראש ישיבה זאל זינגען אידישע ניגונים מיט ווערטער**

הער א מעשה

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevofficeliberty@gmail.com

## פ. קאהן
### לעיקוואד

איין ארעם פון מיין זילבערנע לייכטער הענגט אויף א האר, דריי יאר צוריק האט פאסירט די זעלבע זאך.

איך האב דאס אריינגעגעבן צו פאררעכטן, עס האט געקאסט בערך 150 דאלער. ב"ה ס'האט זיך געהאלטן ביז יעצט. ממש פאר סוכות האט דער אייבערשטער געהאלפן אז כ'האב געטראפן אן עצה עס צו צאמבינדן מיט טעיפ וואס מענטשן נוצן פאר די סוכה צו צאמבינדן די ברעטער.

נאך יום טוב שיק איך עס אריבער מיט אזא זיכערקייט, מ'גייט עס נאכאמאל פאררעכטן. רעדט איך אויפן טעלעפאן מיט דעם בעל הבית און ער זאגט מיר $600 איז די פרייז. איך פרוביר צו בעטן אן הנחה, איך האב זיך נישט גערישט פאר אזא פרייז. אבער ניין, ס'נישטא פון וואס צו רעדן, דאס איז די בעסטע פרייז ווייל בשעת'ן פאררעכטן ווערט עס זייער שווארץ און מען דארף עס פאלישן (ריין מאכן).

דאן האב איך זיך דערמאנט אז איך האב תפילה, איך שטעל זיך אין א זייט און זאג: "אייבערשטער איך וויל האבן דא אין די זילבער שאנק א שיינע הערליכע פאררעכטענע, אויסגעגלאנצטע, שבת'דיגע לייכטער. הייליגער באשעפער ס'איז נישט קיין חילוק צו דו געבסט די געלט פאר דעם, צו איך באקום א גוטע פרייז. אדער אפילו פאר אומזיסט, אייבערשטער נאר דו קענסט העלפן מיר".

מען האט אפגענומען די לייכטער אן פאררעכטן, און מען האט פרובירט ביי א צווייטן איד. אינצווישן האב איך גערופן מיין מאמע זיך צו באראטן מיט איר עצה, זאגט זי מיר אז איר לייכטער האט געקאסט 1200 דאלער צו פאררעכטן, אזוי איז עס, ס'איז א טייערע ארבעט.

וואס טו איך? איך בעט דעם אייבערשטן איך וויל עס יא האבן שיין און גאנץ אבער וואו נעם איך יעצט אזויפיל געלט.

דער צווייטער איד זאגט מיר פאר $600 מאך איך אייך א שיינע ארבעט, שוין, א ברירה האב איך? זונטאג ביינאכט שיק איך אפ די לייכטער. מאנטאג קומט ער אריבער, קלאפט אריין צו מיר אין שטוב, אזוי ווי מיין מאן איז א מגיה - ער קוקט איבער מזוזות און מגילות, וויל ער מיין מאן זאל אים העלפן איבערקוקן זיינע כתבים צו ער שרייבט גוט ווייל ער וויל זיך לערנען צו זיין א סופר.

מיין מאן האט אים אנגעוויזן אביסל וואס און ווי אזוי צו פאררעכטן, נאכן ענדיגן האט דער איד נישט געוואלט נעמען אפילו איין פרוטה, מיין מאן האט זיך איינגעבעטן ער זאל נעמען כאטשיג עפעס פאר די ארבעט פון פאררעכטן די לייכטער, אבער ניין, די הילף אין סופרות איז אים מער ווערד.

איך קום אריין אין דיינינג רום נאכדעם וואס דער איד איז ארויס, דארט אין זילבער שאנק שטייט א הערליכע, גלאנציגע, פאררעכטענע, שבת'דיגע זילבערנע לייכטער.

דער אייבערשטער האט צוגעהערט מיין תפילה!

תפילה איז אן אומזיסטע מתנה פון אייבערשטן פאר מיר וואס מיט דעם האב איך באקומען מיין אומזיסטע פאררעכטענע לייכטער!

## ל. וועבערמאן
### קרית ברסלב

1. איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב די זכיה צו העלפן דעם ראש ישיבה מיטן מסדר זיין די באזאר. בשעת'ן אויפרוימען און אלעס מאכן שיין פאר די מענטשן וואס קומען איינקויפן האב איך געזען הענגען

שיינע שבת'דיגע אינגל העמדער וואס קען זיין גוט פאר מיין שכנה'ס צוויי לעכטיגע אינגעלעך.

אינדערהיים ווען עס איז אויסגעקומען צו שמועסן מיט מיין שכנה האב איך איר געפרעגט אויב זי דארף נאך האבן שיינע אבער פראקטישע העמדער, זאגט זי "יא, זיכער פונקט דאס דארף איך, אבער איך ווייס נישט ווען איך וועל אנקומען צו די באזאר, און אפילו אויב יא וועט שוין מן הסתם נישט זיין דארט פונקט וואס איך זיך".

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז קומענדיגע מאל איך גיי העלפן זאל איך עס נאך קענען טרעפן, ווייל עס איז מיר זייער חשוב צו העלפן מאמעס מיט קליינע קינדער. קומענדיגע מאל ווען איך האב געהאלפן אין באזאר האב איך בשעת'ן אויספאקן און אויפהענגען זיך געגעבן א דערמאן צו קוקן אבער ס'איז נישט געליגן דארט. איך האב נישט געהאט צופיל צייט צו זוכן ווייל עס איז דא אין באזאר אסאך ארבעט.

ווען איך בין געגאנגען צאמפאקן מיינע זאכן אין מיין בעבי'ס קערידזש אהיימצוגיין גיב איך א טרעף נעבן דעם די שיינע העמדער וואס איך האב געוואלט אהיימברענגען פאר מיין שכנה. עס איז געווען פונקט צוויי סייזעס פון איר אינגלעך און איך האב נאך אויך געטראפן א וואכענדיגע העמד צוויי די זעלבע פאר אירע אינגלעך.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין עפעס וואס זי גלייכט. ב"ה זי האט הנאה געהאט פון דעם און עס איז געווען די גוטע מאס. שכח אייבערשטער פאר די גוטע געפיל פון קענען העלפן יענעם.

2. ערב סוכות ווען אלע קינדער זענען שוין ב"ה געווען אויסשטאפירט לכבוד יום טוב, האט איינע פון מיינע מיידלעך פארלוירן איר אויער-רינגל.

עס האט מיר געבאדערט ווייל איך האב געוואלט די מיידלעך זאלן זיין מסודר לכבוד יום טוב, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן. נאך צוויי טעג נישט טרעפן איז מיר בייגעפאלן אז זי קען נוצן מיין וואכענדיגע אויער-ריגלעך אויף דערווייל, סייווי נוץ איך מיין שבת'דיגע אויף יום טוב.

עס איז נישט געווען אזוי שטארק צוגעמאכט האב איך געטראכט איך קען עס צוקלעבן, אבער נאך אפאר טעג כאפ איך זיך אז כ'האב פארגעסן עס צו צוקלעבן און עס איז שוין נישטא וואס צו צוקלעבן ווייל ס'איז שוין אויך פארלוירן.

ס'איז נישט אזא ביליגע אויער-רינגל, פאר מיר איז עס גאנץ טייער, איך האב עס באקומען א מתנה. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס צו טרעפן און צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה.

אביסל שפעטער האט מיין טאכטער געטראפן איר אויער-רינגל אבער מיינס איז נישטא צו געפונען, כאטש ס'איז שוין אפאר וואכן פון דעמאלטס.

אבער איך געב נישט אויף און איך גלייב אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפן. און שכח אייבערשטער מיין טאכטער האט מסדר געווען די שאפע פון די שיך און זי טרעפט מיין אויער-רינגל אזוי אויסגעמישט מיט די קינדער שיך.

## א פרוי פון
ארץ ישראל

מיין טעגליכע חיזוק נעם איך פון דער ראש ישיבה'ס שיעורים אויף די הַאטליין, ספעציעל ווארעמט מיר אן די אידישע ניגונים וואס דער ראש ישיבה זינגט פאר די שיעורים.

די לעצטע שטיק צייט האט דער ראש ישיבה געזונגען ניגונים אן ווערטער, איך האב זייער שטארק געוואלט דער ראש ישיבה זאל זינגען די אידישע ניגונים מיט ווערטער, וואס דאס עפענט מיין הארץ צו רעדן צום אייבערשטן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער איך וויל דווקא יא הערן די ניגונים מיט די אידישע ווערטער וואס דאס רעדט צו מיין הארץ".

שכח אייבערשטער! לעצטנס הער איך אז דער ראש ישיבה הייבט אן די שיעורים מיט אידישע ווארעמע ניגונים וואס העלפט מיר זיך עפענען. דער אייבערשטער האט אינזין יעדן איינעם.

ש. טראכטער



# די פייגל האקט ביים פענסטער

איד, א תושב אין מאנסי ווערקט זיך אויף איין אינדערפרי צו א קול פון א פייגל ביים פענסטער. ער הייבט אויף די לאדנס און געט א קוק. א קליין שיינע פייגל זיצט ביי זיין פענסטער און קלאפט. "א גוט מארגן" באגריסט ער דעם פייגל. אבער דער פייגל מאכט זיך נישט וויסנדיג, נאר קלאפט און קלאפט ווייטער. ער זעט אויס בייז. דער איד וואונדערט זיך אביסל. ער געט א קלאפ אין פעסטער און דאס פייגל פליט אוועק.

אויפצומארגנס, הערט ער ווידער קלאפן און זעצן ביים פענסטער. א בליק אהין איבערצייגט אים ווידער אז די זעלבע פייגל איז דארט. 'אינטערעסאנט' קלערט ער צו זיך. ער געט נאכאמאל א קלאפ אין פענסטער און דאס פייגל פליט ווידער אוועק.

ווען די מעשה האט זיך איבערגע'חזר'ט דריי, פיר מאל, האט דער איד דאס דערציילט פאר זיינע פריינט אין בית המדרש. "א גלגול." האבן אלע איינשטימיג געזאגט. "עס מוז זיין אזוי." די מעשה האט אנגעהויבן ווערן אינטערעסאנט.

"וואס טו איך?" פרעגט דער עטוואס שוין דערשראקענער איד זיינע אלץ-ווייסער חברים. ער האט מורא זיך אנצוהויבן מיט נשמות.

"מאך א שהכל. אפשר דארף ער הערן א ברכה?"

"זאג מחול לך דריי מאל מיט צוויי עדות דערביי." זאגט א צווייטער זיין מיינונג.

"ליין קריאת שמע פאר אים. און זאג נשמת. איך האב אמאל געהערט אז דאס איז א תיקון פאר נשמות."

דער איד הערט און פאלגט. אויפצומארגנס טוט ער אלע דריי. ער זאגט א ברכה. ער זאגט מחול לך. ער ליינט קריאת שמע און ער זאגט נשמת.

אבער דאס פייגל רירט זיך נישט. ער זעצט און זעצט און קוויטשעט ווייטער.

נאר נאכ'ן געבן א קלאפ אין פענסטער איז ער ווידער אוועקגעפלויגן. "אפשר דארף דיין אידענע מוחל זיין די נשמה פון די פייגל?" פרובירט א צווייטער אנצובאטן הילף.

די אידענע האט פרובירט. אבער די נשמה, די פייגל זיצט נאך אלץ דארט. נישט נאר ער זיצט, נאר ער האקט און ער קנאקט. ער איז ווייזט אויס זייער אנגעצויגן. ער דארף א תיקון. וואס נאך? אפשר משניות?

געזאגט משניות, געלערנט גמרא, געצינדן א ליכט און דאס פייגל קומט ווידער צוריק טאג נאך טאג און ער קלאפט און קלאפט און לאזט נישט נאך.

דער איד שלאפט שוין נישט ביינאכט. ער חלומ'ט פון נשמות. זיינע חברים זען אויף אים אן אומרואיגקייט.

דאן האט ער באשלאסן צו רופן זיין איידעם מו"ה לוי יצחק האניג הי"ו, א גרויסער ידען. ער קען זיך אויס מיט פייגלעך, דעריבער קומען צו אים אן אלע סארט שאלות און מעשיות מיט פייגלעך. ער בעט זיין איידעם, "אפשר קום איך שלאפן ביי דיר פאר א וואך צייט ביז דער פייגל באקומט א תיקון?" עס איז אים נישט אנגענעם די גאנצע פרשה.

דער איידעם הערט אים אויס, אבער זאגט פאר זיין שווער "דער שווער דארף נישט דאגה'ן. דער פייגל ווארט נישט אויף א תיקון. דער פייגל איז א פשוט'ע פייגל וואס הייסט אן "אמעריקען ראבין". די מעשה וואס האט דארט פאסירט, מאכט זיך יעדן שני וחמישי. דער פייגל האלט אינמיטן בויען א נעסט נעבן דעם פענסטער פונעם שווער. אבער אריינקוקנדיג אין דיין פענסטער האט זיך אים געדאכט אז איינער קוקט אויף אים און וויל אים חרוב מאכן זיין נעסט. דעריבער איז ער געקומען צום פייגל און אים (זיך אליינס) פרובירט צו פארטרייבן. ווען ער האט געזען אז דער פייגל רירט זיך נישט פון פלאץ איז ער געקומען נענטער, כדי צו געבן יענעם א שטעך מיט'ן שנאבל און אים לערנען דרך ארץ. ער האט זיך אבער אריינגעהאקט אין (דיין פענסטער) זיך אליינס, אבער אין זיין מח האט די אנדערע פייגל אים צושטאכן. אה, יעצט דארף מען שוין יענעם טאקע צולערנען. דעריבער איז ער בייז געווארן, און ער האט אנגעהויבן א גאנצע מלחמה מיט... זיך אליינס.

און אזוי קומט ער צוריק יעדן טאג, ווייל ער דארף זיך נאך ענדיגן אפרעכענען מיט די נישט ארנטליכע פייגל וואס הערט נישט אויף צו שטעכן און פטור ווערן פון זיין שונא וואס וויל אים צונעמען זיין האב און גוטס!!

ער ווייסט אבער נישט אז ער קריגט זיך מיט זיך אליינס!!"

...

די מעשה איז אן אמת'ע מעשה, וואס לויט ווי דער מומחה דערציילט, פאסירט עס טעגליך. די פייגעלעך קומען האקן אין פענסטער ווייל זיי מיינען אז זיי קריגן זיך מיט א צווייטן, ווען באמת מאכן זיי זיך אומזיסטע אייגענע צער און מחלוקת מיט זיך אליינס.

אגב, ער האט געגעבן אן עצה פאר זיין שווער, לייג ארויף א שטיקל פאפיר אויפ'ן פענסטער וועט עס מער נישט אפשפיגלען און די פייגל וועט זיך מער נישט זען. אזוי וועט זיך די האקעריי וועט אויפהערן. דער איד האט אזוי און געטון און וכך הוה. די פייגל האט באקומען איר "תיקון" און איז מער נישט צוריקגעקומען.

...

דער פייגל האט טאקע נישט געדארפט א תיקון אבער מיר דארפן נאך יא א גרויסע תיקון! דאס דערמאנט די מעשה'לע וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל דערציילט אז איד איז געקומען צו זיין רב פארלאנגען אז ער וויל א דין תורה מיט די לבנה.

זיין טענה: יעדעס מאל וואס ער קוקט אויף די לבנה, זעט ער אז דער לבנה קוקט אים נאך. ער איז נישט מסכים. פארוואס קוקט די לבנה אויף אים כסדר?

דער רב הערט די ערנסטע טענה פון דעם איד און פארזיכערט אים אז ער וועט זען וואס ער קען טון. "איך וועל רעדן מיט'ן לבנה און הערן וואס ער זאגט."

א טאג דערויף רופט דער רב דעם איד, "איך האב גערעדט מיט'ן לבנה, ער טענה'ט פונקט פארקערט. ווען ער קוקט אויף דיר, זעט ער אז דו קוקסט אויף אים. דעריבער האב איך אויסגעארבעט א פשרה, דו קוק נישט אויף אים און ער קוקט נישט אויף דיר."

א שטיקל בחינה פון זה מעשה שלו וזה מעשה שלי ועוד למה לנו לדבר מאחרים? דאס איז מיין מעשה און דאס איז זיין מעשה, וואס דארף מען קוקן אויף א צווייטן? אלע צרות הייבן זיך אן ווען מען קוקט אויף א צווייטן. קוק ביי דיר. קוק אין דיין נעסט און באטראכט די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט דיר, וועסטו זיך נישט קריגן מיט קיינעם וואס באמת מיינט דאס קריגן מיט זיך אליינס! קיינער וויל דיר גארנישט צונעמען און חרוב מאכן. קנאה ברענגט שנאה וואס קומט פון חסרון אמונה!

פארדעק דיין פענסטער, וועסטו זען וואספארא שיינע לעבן דו האסט. פארמאך די טיר וועסטו זען אז קיינער איז נישט דיין שונא. קיינער וויל דיר נישט שלעכטס טון. עס איז אלעס נאר א דמיון!! א שפיגל פון אייגענע מדות וואס מיר דארפן נאך אויסארבעטן.

...

אבער אפילו ווען מען קוקט שוין נאר אריין אין די אייגענע ד' אמות, שלאפט נישט דער יצר הרע. אויך דארט קומט ער מיט א שפיגל פון חסרונות אויף זיך אליינס און דער מענטש קוקט זיך אריין און הייבט זיך אליינס אן קלאפן מיט'ן שנאבל.

די וועלט זאגט: "די גרעסטע שונא פאר א מענטש איז דער מענטש זעלבסט." דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז אומצאליגע מאל ביי די שיעורים,

"פארוואס קלאפסטו זיך? פארוואס טראכסטו אזוי נישט גוט אויף זיך?"

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן די מתנה פון קוקן שיין אויף יעדע איד, איז דאך אבער זיכער אז אויף זיך אליינס דארף מען אויך קוקן שיין. דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט אז ברסלב'ע חסידים פארגעסן צומאל אז זוכן נקודת טובות איז פונקט אזוי שייך בײ זיך ווי בײ א צווייטן! - אויב נישט מער... חסד הייבט זיך אן אין שטוב! - א מענטש מוז קוקן גוט אויף זיך. איינער וואס קוקט גוט אויף זיך, קען טרעפן גוטס אין א צווייטן אויך. און פארקערט,

איינער וואס איז נעגעטיוו אויף זיך, קוקט שלעכט אויף זיך אליינס, ער טוט די זעלבע צו זיינע ארומיגע. עס איז נישט מעגליך צו טרעפן דאס גוטס אין יענעם אויב מען טרעפט נישט נקודות טובות אין זיך אליינס.

דער הייליגער רבי נתן איז אמאל אריינגעקומען צום הייליגן רבי'ן, און דער רבי האט זיך אנגערופן צו אים, "עס קוקט מיר אויס ווי דו האסט נישט קיין אמונה." האט רבי נתן זיך געוואונדערט, ער האט דען נישט קיין אמונה? אבער דער הייליגער רבי האט אים געזאגט, "דו האסט נישט קיין אמונה אין דיר!"

צומאל האלטן מיר א גאנצע מלחמה מיט "זיך אליינס". דער מח (ליין: שטן) דיקטירט דעם מענטש, "ביסט נישט א גוטע מאמע, ביסט נישט א גוטע ווייב. טויגסט נישט. ביסט פשוט נישט!! אזוי פירט זיך אויף א איד?! צוליב דעם האסטו געדארפט איבערדרייען דיין לעבן און ווערן 'ברסלב'? דו פירסט זיך נישט אויף ווי א "ברסלב'ער"... דו שטייגסט נישט,

פארקערט, קוק וויאזוי דו האסט געערעדט צו דיין מאן, דיינע קינדער, דיין מאמע? וואס איז מיט דיר?! וואו האלטסטו אויף די וועלט?! א אידיש ווארט זאגסטו נישט! נאכטמאל איז נישטא. די וועש ליגן אין וואש צימער צוזאמגעמישט. וואס איז די מעשה מיט דיר?"

אינצווישן באמערקסטו נישט אז דו שטייסט ביים פענסטער און דו האקסט דיך אליינס אין קאפ. לאז אפ. דאס איז א נארישע שפיגל פון יצר הרע. אן אויג פארבלענדעניש. ער רעדט דיר איין אז דורך זיך קלאפן וועסטו שטייגן. ער זאגט דיר אז דאס מיינט זיין א "מכיר את

## אינצווישן באמערקסטו נישט אז דו שטייסט ביים פענסטער און דו האקסט זיך אליינס אין קאפ. לאז אפ. דאס איז א נארישע שפיגל פון יצר הרע. אן אויג פארבלענדעניש.

מקומו!" דאס מיינט "לעבן מיט אמת!" דאס מיינט ענוה, דאס איז א סימן אז איך בין נישט קיין בעלת גאוה. זיך קלאפן איז גוט, דאס איז רוחניות, דאס איז די וועג פון שטייגן, פון בויען א נעסט.

ניין. ניין. ניין. נישט ריכטיג. שקר וכזב!

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א שיינע דרך, אן אמת'ע וועג אין עבודת ה'. איין צייט אין טאג, מאכט מען זיך א חשבון הנפש. איין צייט אין טאג וויינט מען זיך אויס, אויף די רוחניות, אויף די גשמיות און אלעס וואס עס דרוקט אויפ'ן הארץ, מען שמועס'ט אויס מיט'ן באשעפער ווי שטארק מען וויל זיין גוט, ווי שטארק מען וויל זיך פארבעסערן און ווי שווער עס גייט.

די איבעריגע צייט פון טאג איז מען "נאר פרייליך." די איבעריגע צייט פון טאג שמייכלט מען. מען קלאפט נישט זיך, און נישט אנדערע אין פענסטער. מען זוכט גוטע זאכן, מען זוכט וויאזוי מען קען בלייבן פרייליך. מען איז זיך מחי' מיט יעדע גוטע זאך וואס מען טוט. דאס

איז די וועג פון שטייגן, אזוי ווערט מען בעסער.

אויב וואלט דאס פייגל געשמייכלט צום פענסטער, וואלט דער אנדערע פייגל (שפיגל) צוריקגעשמייכלט. אבער ער האט געקנאקט, איז זי געווארן צוקנאקט!

ווען דו שמייכלסט, שמייכלען אלע מיט. און אז דו קלאפסט אין פענסטער, ווערסטו צו'מזיק'ט. דו גייסט ארויס מיט א שאדן. עס איז דיין בחירה. וואספארא לעבן ווילסטו? א לעבן ווי אלע שמייכלען צו דיר, אדער א לעבן ווי אלע האקן מיט די שנאבל צו דיר.

דער הייליגער רבי האט אונז שוין געזאגט, "וואס מען פועל'ט מיט שלעכטן וואלט מען בעסער און שנעלער גע'פועל'ט מיט גוטס."

אויב דו ווילסט ווערן בעסער און שטייגן, טו עס אויפ'ן רבי'ן'ס דרך. די שענערע און בעסערע וועג. טו עס מיט גוטנ'ס. קוק שיין אויף זיך אליינס. קלאפ זיך נישט און קלאפ נישט אנדערע, וועסטו מצליח זיין אין יעדע הינזיכט.

און וואס טו איך אז עס שפירט זיך נישט אזוי "שמייכל'דיג" אויפ'ן הארץ? איך שפיר נישט אין די גיסטע פון שמייכלען?

די וועלט זאגט אז א פאלשער שמייכל איז בעסער ווי אמת'ע עצבות. הייב אן מיט א שמייכל שלא לשמה, אפילו א געמאכטע, און צוביסלעך וועט זיך דאס אנקלעבן און ווערן אן "אמת'ע שמייכל!" און אינצווישן לאמיר מאכן א תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין פרייליך א גאנצן טאג און ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אומצאליגע מאל אין די תפילות פון עצתו אמונה, "איך זאל זוכה זיין צו שפירן די שמחה אין אלע מיינע גלידער פון קאפ ביז פיס. איך זאל שפירן אזוי פרייליך ביז איך וועל טאנצן פון גרויס שמחה אז איך בין באשאפן געווארן א איד. איך זאל זיין אזוי פרייליך אז איך זאל נכלל ווערן אינגאנצן אין דיר און איך זאל שפירן נאר דיר!"

# Cream Of Chicken Soup

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 6 SQUASH PEELED
- 1 WHITE ONION
- 1 POTATO
- 1 WHITE CARROT
- 1/2 KNOB CELERY
- 1 PACK CHICKEN BONES
- 4 CHICKEN CUTLETS (CUT INTO SMALL CUBES)
- 4 GARLIC / CRUSHED
- 1 T SALT

## DIRECTIONS:

- CUT VEGETABLES INTO BIG PIECES.
- PLACE IN AN 8 QUART POT ALONG WITH THE CHICKEN BONES IN A NET BAG, SALT AND GARLIC.
- FILL POT WITH WATER TO COVER.
- BRING TO A BOIL, THEN COOK ON A LOW FLAME FOR 3 HOURS.
- REMOVE NET BAG.
- REMOVE CHICKEN PIECES FROM BONES AND PLACE IN POT.
- BLEND THE SOUP UNTIL SMOOTH.
- ADD THE CUBED CHICKEN CUTLETS AND COOK FOR AN ADDITIONAL 20 MINUTES.



ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## דער טעם פונעם תם

דער הייליגער תם דער שוסטער,

מיט זיין ווייב, ביים טיש, שמועסט ער,

צו זיין שוסטעריי דערנעבן,

זי איז געקומען אים עסן געבן.

ער קייט די ברויט מיט אפעטיט,

Wow! די עסן איז דעלישעס גוט!

אין די ברויט א טעם איך פיל,

ווי פלייש פון א 5 course meal!

מיט וואסער זיין דארשט ער שטילט,

א טעם פון אלטע ווין ער פילט...

זי וואונדערט זיך, פארשטייט נישט קלאר,

איז נישט נאריש אזא פריילעכע נאטור?

"קוים פארדינסטו פון דיין שיך געשעפט...

אלץ מיט א שמייכל דיך מען טרעפט?!

אנדערע שוסטערס פארדינען double,

וואס לעבסטו אין דיין אייגענע bubble?!"

דער תם מיט גערולד זאגט פאר זיין ווייב:

יענעמ'ס הצלחה איז נישט מיין קלאפ...

יענעמ'ס מעשיות איז מיך נישט אינטערעסאנט,

איך קוק וואס "איך" האב אין די האנט.

א שיכעלע און נאך איינס ביני' לביני',

פארדין איך א הכנסה'לע א פיינע...

די לעדער, פארב, און שיך בענדל,

קאסט מיך ניטאמאל א גאנצע רענדל...

אפאר קאפיקעס = די גאנצע sum,

און עס בלייבט מיך נאך א שטיקל income...

דער תם האט אלעמאל געזאגט אזוי:

"זה מעשה שלי וזה מעשה שלו"...

ער האט געציילט נאר זיין אייגענע רכוש,

איז זיין לעבן אים געווען א דערקוויקעניש!

געזאגט ביים שיעור האט דער ראש ישיבה,

לעבן ווי דער תם זאל זיין דיין שאיפה,

סיפורי מעשיות, לעכטיגע עצות,

לעב עס! נישט סתם ווייס עס!

קענסט בעטן דעם באשעפער אויף דעם:

"איך וויל לעבן ווי דער תם אנגענעם,

פילן צופרידן, פילן גן עדן טעם,

העלף מיר, טאטע, זיין א הייליגע תם!"

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**

קינדער בלעטל

וויאזוי האט
רבי נתן
געשפירט
ווען צוויי
אידן קריגן
זיך?

- שרייב טישל




# פארוואס לייד איך פונקט אויף דעם פלאץ?

- א שטיקעלע ספר המדות

# געפעלן

א מעשה פון תפלה



היינט גיי
איך זיין מיטן
אייבערשטנ'ס
הילף די באס
טיטשער



אײבֶערְשְׁטֶער
דו זיי די באס
טיטשער און
איך גיי זיין די
העלפער



שְׁכֹּחַ
אײבֶערְשְׁטֶער
אז יעדער
איינער זיצט
שיין אויפן פלאץ

געמאלן: רבקי אפפעלדארפער תחי'



מאמי איך וויל
זען א קאר
אדורכפארן



אײבֶערְשְׁטֶער
הֶעלְף
קארס זאלן
אדורכפארן



שְׁכֹּחַ
אײבֶערְשְׁטֶער
פונקט יעצט איז
אדורכגעפארן איין
קאר נאכן צווייטן

געבעטן: ישעי' שטיין נ"י

געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי"ען:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

## טייערע בלעטל קינדער

אה... די יום טוב חנוכה קומט שוין צו גיין
לאמיר זען וואס דו קענסט מאכן פאר די מעכטיגע

# חנוכה פארמעסט



שטעל אהער סיי וועלכע זאך עס האט צוטון מיט חנוכה, עס קען ווערן געמאכט מיט שפילצייג, עסן, געמאלן אויף פאפיר, און ווער ס'קען - קום אויף מיט אן איינגענעם מאטריאל מיט וואס צו מאכן דיין פראיעקט

**שיק אריין א בילד פון דיין ערליכע האנטווערק צום**

**בלעטל, און דיין בילד וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארייגעשטעלט ווערן דא ביים חנוכה פארמעסט.**

דערנאך וועלן אלע חשוב'ע קינדער אויסוועלן וועלכע בילד

עס געפעלט זיי דאס מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט

די בילדער קען מען שיקן צו 845.379.1161 אדער צו
breslevofficeliberty@gmail.com

**מאך א תפלה ס'זאל געלונגען, און לאמיר זען וואס דו קענסט**

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געזאגט: "וואו ווייט איז פון מויל ביזן הארץ"

## ברסלב'ע חידות

**רבי נתן זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן: ווען איך זע צוויי אידן קריגן זיך – שפיר איך**

א. זייער צובראכן

ב. ווי עס שטעכט מיר אין די זייט

ג. ווי איך וויל וויינען

ד. ווי זיי קריגן זיך מיט מיר

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט אין ספר המדות: ווער עס איז שטענדיג פרייליך איז מצליח אין לעבן

## גיב א שמייכל

**וויאזוי מאכט מען א מענטש נייגעריג?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א – גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה – חלק שני

**א. לִפְעָמִים אָדָם בָּא לְאֵיזֶהוּ מָקוֹם, וְיֵשׁ לוֹ צַעַר בְּזֶה הַמָּקוֹם, יֵדַע שֶׁזֶּה הַמָּקוֹם הָיוּ בּוֹ אֲבוֹתָיו וְנָפַל לָהֶם אֵיזֶה כְּפִירָה, אוֹ בָּנָיו יָבוֹאוּ בַּמָּקוֹם הַזֶּה לְאֵיזֶה כְּפִירָה, וְעַל יְדֵי זֶה הוּא סוֹבֵל עַכְשָׁו צַעַר בַּמָּקוֹם הַזֶּה.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַמָאל אָן עֶרְגֶעץ אוּן עֶר הָאט דָארְט צַעַר, זָאל עֶר וִויסְן אַז אוֹיף יֶענֶעם פְּלַאץ הָאבְּן זִיךְ אַמָאל גֶעפוּנֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט כְּפִירָה, אָדֶער וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער שְׁפֶּעטֶער אַמָאל דוּרְכְפַאלְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ מִיט כְּפִירָה, אוּן דֶערִיבֶּער לַיידְט עֶר יֶעצְט עֶפֶּעס צַעַר אוֹיף דֶעם פְּלַאץ.

# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

והיו עיניך רואות את מוריך: **הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג), **און טרעף צו וועלכע צדיק דו זעסט אינעם בילד!**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **מוהרא"ש זי"ע**



# מענטשערליך

## דִי טִירְן פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

אַ גוּטְן טָאג מַאמִי", הָאט אָדִי בַּאגְרִיסְט אִיר מַאמֶע מִיט אַ שְׁמֵייכְל. "הַיינְט אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע טָאג אִין שׁוּלֶע, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט צוּ שְׁרַייבְּן דִי אוֹת "בּ" אוּן מַיין לֶערֶערִין הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווִילְסְט עֶס הֶערְן?"

דִי קְלֵיינֶע זִיסִי הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיס גֶענוּמֶען אָדִי'ס צֶעטְל פוּן אִיר שׁוּל טַאשׁ אוּן עֶס צוּרִיסְן.

"גַּם זוּ לְטוֹבָה", הָאט אָדִי גְלַייךְ גֶעזָאגְט, אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.

אָדִי הָאט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט זִיסִי פַארְן צוּרַייסְן אִיר שֵׁיינֶע צֶעטְל, נָאר זִי הָאט פְּרָאבִּירְט צוּ מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס זִי אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

"אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דִי צֶעטְל זִיסִי, הָאט אָדִי עֶרְקְלֶערְט, "אִיךְ הָאבּ עֶס אֲפִילוּ נָאכְנִישְׁט גֶעוִויזְן פַאר מַאמִי אוּן יֶעצְט אִיז עֶס שׁוֹין צוּרִיסְן. אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעוָואלְט אוֹיפְהֶענְגֶען אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

מַיין לֶערֶערִין הָאט מִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע הוֹיז אִיז אַ קְלֵיינֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן מִיר דַארְפְן שֵׁיין מַאכְן אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט טוּעֶן מִצְוֹות.

"וֵוייסְט וָואס, זִיסִי? אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מַיין לֶערֶערִין הָאט דֶערְצֵיילְט".

***

אִין דִי גְרוֹיסֶע יַם צְוִוישְׁן לַאנְד מִצְרַיִם אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פָארְט אַ גְרוֹיסֶע שִׁיף.

"וָואס הָאסְטוּ אַיינְגֶעקוֹיפְט אִין מִצְרַיִם?" הָאט אֵיין נֵייגֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף.



בילדער: ח. שטיינבערג



"אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט 10 שְׁטַארְקֶע פֶערְד", הָאט אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ גְרִינֶע הוּט זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט.

"אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעקוֹיפְט גָאר אַסַאךְ וֵוייץ פַאר בִּילִיג אוּן אִיךְ וֶועל עֶס קֶענֶען וַוייטֶער פַארְקוֹיפְן פַאר טַייעֶר", הָאט אֵיינֶער מִיט גָאלְדֶענֶע קְנֶעפְּלֶעךְ אוֹיף זַיין רֶעקְל גֶעזָאגְט.

נִקָנוֹר אִיז גֶעזֶעצְן שְׁטִיל אִין דֶער זַייט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט גָאר אַ טֵייעֶרֶע, הֵיילִיגֶע זַאךְ אִין מִצְרַיִם, אָבֶער עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטוּעֶן פַאר כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְד, נָאר צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

נִקָנוֹר הָאט בַּאשְׁטֶעלְט גְלַאנְצִיגֶע, קוּפֶערְנֶע טִירְן פַאר דִי מִזְרַח טוֹיעֶר פוּן דִי עֶזְרָה פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי טִירְן אוֹיף דִי פוּפְצְן טְרֶעפּ אַרַיינְצוּגֵיין אִין הוֹיף פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ. וֶוען עֶס אִיז גְרֵייט גֶעוָוארְן, אִיז נִקָנוֹר אַלֵיין גֶעפָארְן צוּ דִי שְׁטָאט אֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּה אִין מִצְרַיִם צוּ אָפְּנֶעמֶען דִי טִירְן. אוּן יֶעצְט אִיז עֶר אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דִי טֵייעֶרֶע טִירְן.

"וָואס הָאסְטוּ גֶעקוֹיפְט, נִקָנוֹר?" הָאט דֶער נֵייגֶערִיגֶער אִים גֶעפְרֶעגְט נָאכְדֶעם וָואס יֶעדֶער הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט וִוי גֶעלוּנְגֶען זֵיי זֶענֶען.

"טִירְן", הָאט נִקָנוֹר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"וָואס הָאסְטוּ גֶעזָאגְט?" הָאט דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי גָאלְדֶענֶע קְנֶעפְּלֶעךְ אִיבֶּער גֶעפְרֶעגְט. "דִי ווִינְט בְּלָאזְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶערְן!"

דִי ווִינְטְן זֶענֶען גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער אוּן דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט ווִי אַ בָּאלִי וָואס מֶען וַוארְפְט אַהֶער אוּן אַהִין.

"דִי שִׁיף זִינְקְט!" הָאט דֶער קַאפִּיטַאן גֶעשְׁרִיגְן אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן.

"מֶען דַארְף אָפְּלֵיידִיגְן דִי שִׁיף פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ", הָאט דֶער הוֹיפְט מַאטְרָאז בַּאפוֹילְן, דִי אַרְבֶּעטֶער אוֹיפְן שִׁיף הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְוַוארְפְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין יַם.

נִקָנוֹר הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִין דִי צוֹים פוּן דִי שִׁיף אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע אוּנְז פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם אוּן הֶעלְף מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעט נִקָנוֹר ווִי דִי מַאטְרָאזְן וַוארְפְן אַרַיין אֵיין פוּן דִי הֶערְלִיכֶע טִירְן אִין וַואסֶער אוּן עֶס וֶוערְט פַארְשְׁווִינְדְן צְווִישְׁן דִי הוֹיכֶע כְוַואלְיֶעס, אוּן זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ צוּ אַרַיינְוַוארְפְן אוֹיךְ דִי צְוֵוייטֶע טִיר.

**פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**



# קליין און פיין


ארי און נחום שמעון פריעדמאן


חני אפפעל


מלכי יאקאבאוויטש


משפחת מזרחי


מרים פריעדמאן


משפחת אינדיג 24 האשקי - אברהם אבינו'ס געצעלט


פיגעלע יאקאבאוויטש


הינדי יאקאבאוויטש


יודל יאקאבאוויטש

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



רבקי און פיגא פריעדמאן



אברהם שלמה און נחמן נטע ראטענבערג



נחמן און יוסי ראבינאוויטש



יוסי לונגער



משפחת אפפעל




נחמן ראבינאוויטש און אליעזר פיש



אליעזר שלמה טייטלבוים, מענדי שווארץ
ישראל שלום הערשקאוויטש



אליעזר שלמה קרויס - תיבת נח



אליעזר שלמה פיש




# קלאסיפיידס

**דירות אויף האשקי**
א צוויי בעדרום דירה און א איין בעדרום דירה
צו דינגען פאר שבתים.
רופט משפחת וועבערמאן
845-492-0566

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מנחם שטיינבערגער הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**
**וזוגתו שרה אסתר תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה בנציון ברוין הי"ו**
**וזוגתו גיטל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**ראש הכולל מו״ה יודל דעפריס הי״ו ביים פארטיילן פיינע קוכן פאר די לומדי הכולל**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**פרישע פאפיר אנגעקומען ביים בית הדפוס אין בני ברק**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש, אשר לעמיל זוסמאן.



**דער געטרייער מענעדזשער מו״ה אליעזר שמן הי״ו ביים פארעכטן די דאך פון היכל ראזענבערג**





סיום הש"ס פון הילד אליעזר נ"ו בן מו"ה יצחק ראטה הי"ו ביים שבע ברכות פון החתן זאב ראטה הי"ו אין ישיבה



תנאים פון החתן חיים נחום נ"ו בן מו"ה נפתלי קארנבלי הי"ו
עב"ג בת מו"ה אלימלך שארף הי"ו ביים זיידן
הרה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל



אפשערן פון אן אייניקל פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו



דער מגיד שיעור מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג
הי"ו ביים לערנען הלכה מיט די בחורים אין ישיבה




דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס
מיט די בחורים אין ישיבה





ברית פון הילד אברהם נ"ו בן מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו

# פון אונדערע ארכיון















**סעודת ראש חודש מוצאי שבת תולדות שנת תשע"ב**




שנת תשל״ה

# מוהרא״ש שרייבט א גאנצע נאכט...